STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04051

ALS DER SOF IZ GUT, IZ ALLES GUT

Lajb Fuks

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלס דער סוף איז גוט
איז אללעס גוט

אנאָנימע יידישע קאָמעדיע

פון סוף 18-טן יאָרהונדערט

●

הקדמה הערות, מאָדערניזירטער נוסח

פון

ל. פוקס

פאַרלאַג   פאַריז

1955

ALS DER SOF IZ GOUT
IZ ALLES GOUT

Tout est bien qui finit bien

Comédie anonyme de la fin du XVIIIe siècle

Copyright by L. Fuks, Amsterdam

PRINTED IN FRANCE

Imprimerie S. I. P. N., 14, Rue de Paradis, Paris-10e

לזכרון עולם

פאַר מיינע חברים און פריינד פון יידישן
קולטור־פאַראיין א. נ. פון ש. אַנ—סקי
אין אַמסטערדאַם, אומגעקומענע פון דער
רוצחישער האַנט אין די יאָרן 1940—1945

ל. פּ.

הקדמה

מען איז אָפט געניגט צו פאַרגלייכן אַ מלחמה מיט אַ נאַטור־קאַטאַ־סטראָפע, מיט אַ וואָלקנבראָך צי אַן ערדציטערניש. וואָס שייך דער אויס־ווירקונג, איז דער פאַרגלייך בעצם אַ ריכטיקער. נאָכן באַרואיקן זיך פון די נאַטור־עלעמענטן צי איינשטילן זיך פון דער מלחמה־געוואַלט, קערט צוריק דער געראַטעוועטער מענטש אויף די חורבות פון זיין היים, זוכט אין זיי און נישטערט מיט דער האָפענונג צו געפינען עפּעס, וואָס וועט אים נוצן ביים צוריקאויפבוי פון זיין צעשטערט לעבן.

ביים זוכן און נישטערן אויף די חורבות פון יידישן אַמסטערדאַם, איז אויך מיר אין אַפּריל 1946 אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ העפט אין קוואַרטאַ־פאָרמאַט, באַשריבן מיט יידישע אותיות. דער אינהאַלט פון געשריבענעם האָט זיך לייכט געלאָזט פעסטשטעלן. איך האָב פאַר זיך געהאַט אַ קאָ־מעדיע, וועמענס כתב און פּאַפּיר האָבן עדות געזאָגט, אַז זי שטאַמט פון 18־טן יאָרהונדערט. דאָס העפט באַשטייט פון 34 נישט־פּאַגינירטע זייטן פון 19×15 צ״מ. דער שער־בלאַט און דער צעטל פון די „פּערזאָנען״ פעלן. צו דרינגען פונעם אינהאַלט, וואָלט מען אָבער זיי אויף פאָלגנדיקן אופן געקאָנט רעקאָנסטרואירן:

אַלס דער סוף איז גוט, איז אַללעס גוט
אָדער
דער אויפגעדעקטער דרייפאַכער בעטרוג
איין לוסטשפּיל אין דריי אויפציגען

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

ר׳ ליפּמן, פּרנס און גבאי של צדקה 1)
ירושלמי, משולח
ר׳ גץ, דער זעלבער
קרני־פּרה, דעם ירושלמים משרת
טיימערל, די זעלבע
ר׳ יאָקש, דער טאַרנאָפּאָלער בעל שם
ליפקא יענטש, זיינע פרויא
ר׳ הענערל, חזן פון דער קהלה פינגערלאָך

אָרט: אין הויז פון ר׳ ליפּמן; צייט: ענדע דיזעס יאָרהונדערטס.

---

1) העכסט וואַרשיינלעך אַ היסטאָרישע פיגור, דער אַמסטערדאַמער פּרנס ליפּמאַן רינטעל אַליאַס פיליפּ איזאַק דע יאָנג.

פונעם טעקסט פון דער קאָמעדיע גופא דרינגט אַרויס, אַז מען האָט זי אויפגעפירט פורים אינעם הויז פון מרא דאתרא, דעם רב יעקב משה לעווענשטאם און דאָס זייער וואַרשיינלעך אין יאָר 1798. די קאָמעדיע אַלס אַזעלכע האָט אָבער לחלוטין נישט צו מאַכן מיט די אונדז אַזוי גוט־באַקאַנטע פורים־שפּילן פון דער צייט, וואָס פלעגן שעפּן זייערע טעמעס פון דער מגילה־אסתר צי אַן אַנדערן ביבלישן ספר. דעם שטאָף פאַר אונדזער קאָמעדיע האָט דער אַנאָנימער מחבר גענומען פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון זיין סביבה, אויף וועלכער ער ריכט זיין קרומען שפּיגל.

*

די אַנגענומענע מיינונג, אַז יידן האָבן תמיד געלעבט אין האָלאַנד אין עושר און אין כבוד, איז אין ליכט פון דער נייסטער געשיכטע־פאָרשונג שטאַרק אָפּגעפרעגט, הגם אין רעלאַטיוון זינען, ד. ה. אין פאַר־גלייך מיטן מצב פון יידן אין אַ ריי אַנדערע לענדער, איז די מיינונג וועגן האָלענדיש־יידישן „עלדאָראַדאָ" זיכער אַ ריכטיקע. אמת איז אויך, אַז אין 17־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן י. ה. האָבן יידן אין האָלאַנד — דער עיקר ספרדים — געהאַט אַן אַנזעעוודיקן אַנטייל אינעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן אויפשטייג פונעם לאַנד. די געשיכטע פון יידן איז אָבער נישט די געשיכטע פון יידישע מאַגנאַטן און אין זייער דינסט שטייענדיקן קלער. אויך אין האָלאַנד נישט. דער רוב מנין און רוב בנין פונעם פאָלק האָט זיך אויך דאָ, אינעם פאַרהעלטנישמעסיק פרייען לאַנד, געראַנגלט פאַר זיין טאָגטעגלעכער עקזיסטענץ. די מאַסע האָט געקעמפט קעגן פאַראָרדענונגען און באַגרענעצונגען מצד די שטאָ־טישע מאַכט־אָרגאַנען און פאַרשיידענע גילדעס, וואָס האָבן אינעם יידישן בעל־מלאכה צי קרעמער געזען זייער דירעקטן קאָנקורענט. דערביי מוז מען שטאַרק אונטערשטרייכן, אַז די באַגרענעצונגען האָבן דאָ נישט גע־גאָלטן פאַרן יידן אַלס אַזעלכן, ווייל ער איז אַ ייד, נאָר קעגן דעם נישט־איינגעזעסענעם פון דער שטאָט, גלייך דאָס איז געווען דער פאַל מיט תושבים, נישט־יידישע, פון אַנדערע האָלענדישע שטעט, וואָס האָבן אין אַמסטערדאַם זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט מלאכה צי עפענען אַ קליט, נישט האָבנדיק די אַזוי גערופענע „פּאָאָרטערס"־רעכט.

אַן אָפּקלאַנג מכוח איינעם אַזאַ פאַרבאָט פאַר יידן צו האַנדלען מיט פיש, געפינען מיר אין אַ ביז איצט אומבאַקאַנטער כראָניק אָנגעשריבן אין יידיש פון אַ פשוטן פאָלקסמענטשן און וואָס נעמט אַרום די גע־

שעענישן אין האָלאַנד פאַר די יאָרן 1740—1752. איר מחבר איז — ווי עס איז מיר געלונגען אויסצוגעפינען — אברהם חיים בן צבי הירש ברייטבאַרד מבית קאָוועדען, געבוירן אין 1699 און געשטאָרבן אין 1786. די כראָניק איז געטיטלט: „איין נייאי קורנייק פון 1740—1752״.

די פאַרצייכענונג וועגן אַמסטערדאַמער פיש־פאַרבאָט וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף די הערשנדיקע באַציאונגען צווישן דער מאַסע און אירע קהלשע פאַרזאָרגערס, די פרנסים, וואָס האָבן איבער איר געהאַט אַ כמעט אומבאַגרענעצטע מאַכט. צו גלייכער צייט דערוויסן מיר זיך וועגן איר באַציאונג צום וווינלאַנד. די אָקערשט דערמאָנטע פאַקטן זענען גענוג וויכטיק און ס׳לוינט זיך צו באַקענען מיט דעם אָריגינעלן טעקסט פון דער פאַרצייכענונג, וואָס לויטעט אין אַן עטוואָס מאָדערניזירטן אויסלייג אַזוי:

איין פאַרפאַל אין אַמסטערדאַם מיט פיש-גוית און להבדיל יהודים

אין אַמסטערדאַם איז שבת פרשת תולדות (1743) פאַרבאָטן געוואָרן מיט באַפעל פון בירגערמייסטערס, לאַוונייקעס און אַלע שררות צו אלופים, קצינים, פרנסים, איין גאַר גרויסער פאַרבאָט; דאָס זיך קיין יהודי זאָל דערוועגן מיט פיש צו האַנדלען, עס זיי אויף די גאַס אָדער אין הייזער. ווו נאָר איינער וועט געכאַפט ווערן, זאָל דעם זעלבן אַ גרויסער סקאַנדאַל געמאַכט ווערן. אַזוי איין כרוז איז אין אַלע שולן אויסגערופן געוואָרן. זייער שווער לויט באַפעל. דערויף האָבן האלופים פרנסים געשיקט אין אַלע עקן גאַסן זייערע אויפזעערס, און אויף אַלע מאַרקען, און יעדן איינעם געלאָזט מזהיר זיין נישט מיט פיש צו האַנדלען אָדער דער זעלבער זאָל פון קהל געשטראָפט ווערן ווי אים צוקומט. און די פישער־לייט האָבן זייער אַכטונג געגעבן.

אַזוי זענען די פיש־לייט פאַרגעטראָטן פאַר קהל און האָבן אירע התנצלות געטאָן און דערביי געזאָגט, דאָס זיי עס נישט וועלן און קענען נאָכגעבן ווען די שררות וועלן די גוית אויך פאַרביטן (פיש פאַרקויפן) דערצו אויך נישט ביי די גאַס (לאַנגס די הייזער). דען עס איז איין פריי לאַנד דערצו איז אַ פרייער משא ומתן (אויך דער האַנדל איז פריי), אויב נישט זאָלן זיי אלופים פרנסים די קאָסט געבן (אויסהאַלטן).

ווי שפאַנענדיק עס זאָל אויך נישט זיין דער קאַמף פון די אָרעמע פישהענדלער קעגן די אלופים פרנסים, וואָס זענען געוווען אַ ווילִיק ווערק־צייג אין די הענט פון די שררות, ווי אינטערעסאַנט עס זאָל אויך נישט זיין דער רעזולטאַט, וואָס האָט דערפירט צו דער גרינדונג פון דער יידי־שער פישער־גילדע „מזל־דגים״, צו אונדזער טעמע האָבן זיי אָבער מער קיין שייכות נישט. דער ציטירטער אָפשניט פון דער כראָניק איז נאָר אַ באַווייז פאַר דעם שווערן מצב אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער פאָלקס־מענטש אפילו אין די גאָלדענע צייטן, בעת פון די רייכע טישן

פון בליענדיקן קאָלאָניאַלן האַנדל און אינטערנאַציאָנאַלע געלט־מאַני־פולאַציעס אין אייראָפּע, זענען נאָך פאַר אים אָפּגעפאַלן פעטע ברעקלעך. אויסגענומען עטלעכע פאַכן, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין גילדע (ווי דימענטן־שלייפן און טאַבאַק־באַאַרבעטונג), איז מלאכה פאַר יידן געווען פאַרבאָטן. אַזוי איז פאַר דער גרויסער מאַסע געבליבן נאָר איין אויסוועג: נעמען דאָס פעקל צעלניק אויף די פלייצעס און זיך דערמיט לאָזן איבער די דערפער, אָדער שלעפן אַ וועגעלע מיט „ספּעציעלע" סאָרטן לעבנסמיטלען איבער די גאַסן פון שטאָט.

און ווען אַ דאַנק דער אומדירעקטער און שפּעטער דירעקטער אויס־ווירקונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אויף די פּאָליטישע פאַר־העלטענישן אין האָלאַנד, זענען אָוועקגעפאַלן אַלע מניעות, וואָס זענען דעם יידן געשטאַנען אין וועג צו אַן עקאָנאָמישער און פּאָליטיש־סאָציאַלער גלייכבאַרעכטיקונג — האָט דער באַרג־אַראָפּ פון אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד דערגרייכט זיין טיפסטן פונקט. אין 1798, בעת אונדזער קאָמעדיע ווערט אויפגעפירט, לעבן אויף אַ צאָל פון בערך 22.000 יידן אין אַמסטערדאַם, ביי די ספרדים מער ווי די העלפט פון קצבה און ביי די אשכנזים מער ווי צוויי דריטל.

מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז פונעם עקאָנאָמישן וווילשטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד אין 17־טן און אין דער ערשטער העלפט 18־טן י. ה. האָט אויך די מאַסע גענאָסן פון די איר צוגעוואָרפענע ברעקלעך. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, האָט זי אויך דאָ פרייער געקאָנט עטעמען. ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע באַדינגונגען, איז דער קולטורעלער אויפ־שטייג ביי איר נישט אויסגעבליבן. פאַר דער צייט האָבן אין אַמסטערדאַם געבליט יידישע דרוקעריייען. עס דערשיינט אַן אַ שיעור העברעאישע און יידישע ספרים און ביכער. אין 1686 קומט אויף די ערשטע יידישע צייטונג, די „דינשטאגישי או פרייטאגישי קוראַנטין" און... מען שפּילט טעאַטער.

ביי די ספרדים, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין האָלאַנד אין 1593, איז די טעאַטער־קולטור געווען שטאַרק אַנטוויקלט. אויף דעם דאַרפן מיר זיך נישט וווּנדערן. פון שפּאַניע, דאָס לאַנד פון זייער אָפּ־שטאַמונג, האָבן זיי מיטגעבראַכט אַחוץ דער ליבע צו דער שפּאַנישער שפּראַך און ליטעראַטור אויך אַ סך ליבע צום טעאַטער. זיי האָבן דאַן אויך אין האָלאַנד נישט נאָר אַליין געשריבן טעאַטער־שטיק, נאָר זיי אויך געשפּילט. אַזוי איז אונדז באַקאַנט, אַז אין 1624 האָט מען אין דער ספרדי־

שער שול פון דער קהלה בית יעקב אויפגעפירט אום שבועות דאָס אַלע־גאָרישע שפּיל „דיאַלאָגאָ דאס מאָנטעס״, דער דיאַלאָג פון די בערג, ווו זיבן ביבלישע בערג טענהן זיך אויס אין לאַנגע דיאַלאָגן וועמען עס קומט דער אויבן אָן אויף דער וועלט. די דיאַלאָגן זענען באַגלייט געווען פון כאָראַלן געזאַנג און אָרקעסטער, וואָס דערמאָנט זייער שטאַרק אָן די אויפפירונגען פון קאַטוילישע מיסטעריע־שפּילן. ערשט אין 1639 ווערן אויפפירונגען אין שול פאַרבאָטן און עס קומען אויף די „אַקאַדעמיאַס״, ד. ה. ליטעראַרישע קלובן, וועמענס ציל עס איז אויך דאָס אַנטוויקלען פון דער טעאַטער־קונסט. עס איז אָנצונעמען, אַז די „אַקאַדעמיאַס״ זענען אַנטשטאַנען אונטער דער השפעה פון די אין האָלאַנד עקזיסטירנדיקע „רעדערייקערס״־פאַראיינען און „אַקאַדעמיעס״.

זייער רייכע און אַנגעזעענע ספרדישע משפחות האָבן זיך געפירט איינצולאַדן אין זייערע פּאַטריציער־הייזער אַ גאַנצע טעאַטער־טרופּע צי אַן איינצלנעם אַרטיסט, ווו מען פלעגט פאַר אייגענע און נאָענטע פריינט שפּילן טעאַטער. ידיעות וועגן דעם מין אויפפירונגען האָבן מיר פון די יאָרן 1638 און 1641—1651.

די ערשטע, ביז איצט, באַקאַנטע ידיעה וועגן עפנטלעכן שפּילן טעאַטער ביי די ספרדים, און דאָס אין אַ שפּייכלער, שטאַמט פונעם יאָר 1667. די טרופּע איז, ווייזט אויס, געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון מאַראַנישן דיכטער, דראַמאַטורג און היסטאָריקער מיגועל אָדער דניאל דע באַרריאָס.

אין צוויי אַקטן 2), אויפגעשטעלט דעם 1־טן פעברואַר פון דער־מאָנטן יאָר 1667, ביים אַמסטערדאַמער נאָטאַר יאַקאָבוס סנעל, ווערט דערציילט, אַז די עדות איזאַק לעווי וויקטאָריאַ, איזאַק וואַעס מארטיניס און יעקב וואַעס מארטיניס, אַלע תושבים פון דער שטאָט, האָבן דער־קלערט, אַז זיי קענען אהרן דע לא פאיי, בנימין העגריקעז און יעקב נאוואררא און ווייסן זיכער, אַז די דערמאָנטע פאַרשוינען זענען מיט־שותפים פון אברהם איסאראעל, דניאל לעווי באַרריאס און שמואל ראָזא און האָבן אַ סך מאָל בשותפות „געשפּילט אַ זיכערע קאָמעדיע אין גע־דונגענעם שפּייכלער פון תובע פּיטער וואן מארקען, און דאָס באַקומענע געלט צווישן זיך פאַרטיילט״. ווייטער ווייסן די עדות, אַז אינעם שפּייכלער האָבן „די קאָמעדיע בייגעוווינט און געזען מער ווי דרייסיק באַזוכער״.

2) שטאָטישער אַרכיוו, אַמסטערדאַם.

אין אַ דאָקומענט פון 28־טן דעצעמבער 1707, לייענען מיר וועגן אַ ווענדונג פון „עטלעכע ליבהאָבערס פון שפּאַנישע קאָמעדיעס" צו די ביר־גערמייסטערס פון שטאָט, אַז מען זאָל זיי דערלויבן אין די מיטוואָכן צו שפּילן, בעת דעם טאָג ווערט אין שטאָטישן טעאַטער נישט געשפּילט און די שטאָטישע אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע די הכנסות פון פאָרשטעלונגען זענען באַשטימט, וועלן צוליב דעם נישט ליידן קיין שאָדן. איבעריקנס טון זיי דאָס שוין ניין יאָר און זייערע טעאַטער־באַזוכער פאַרשטייען סיוואָי נישט קיין האָלענדיש.

די ביטע איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן. וויכטיקער איז פאַר אונדז צו דערמאָנען, אַז אינעם ענטפער פון די שטאָטישע אויטאָריטעטן רעדט זיך וועגן פאַקט, וואָס צוליבן געבן אַ דערלויבעניש, וואָלט מען פון שטאָטישן טעאַטער אָפּגעצויגן דעם גרעסטן טייל באַזוכער פון דער יידישער „נאַציע" און אַז מיט אַכט צי צען יאָר צוריק האָבן שוין עטלעכע פון דער דאָזיקער נאַציע אַן איינציק מאָל, נאָך לאַנג בעטן, יאָ געשפּילט אין שטאָטישן טעאַטער.

די ספּרדישע יידן פאַר וועמען טעאַטער איז געווען אַ באַדערפעניש, האָבן אָבער געפונען אַן אויסוועג פון דער לאַגע. זיי פלעגן איינאָרדענען פאָרשטעלונגען פאַר מיטגלידער פון אַ געשלאָסענעם קרייז. (אַ דערשיי־נונג אין האָלאַנד ביז היינט צו טאָג). וועגן אַזאַ אַקטיוויטעט פון ספּרדישע טעאַטער־גרופּעס, ווייסן מיר פון די יאָרן 1750 און 1760—1763.

נישט קלענער איז געווען דער אינטערעס פון די אשכנזישע יידן אין האָלאַנד צום טעאַטער. אויך זיי האָבן פאַרמאָגט טעאַטער־טראַדיציעס. אין אונטערשייד אָבער מיט די ספּרדים האָבן זיך זייערע טראַדיציעס געצויגן פון די פּורים־שפּילן. אַלע ידיעות מכוח טעאַטער־שפּילן ביי די אשכנזים פאַלן טאַקע צוזאַמען מיט דער פּורים־צייט, בעת עס פלעגט זייער פריילעך צוגיין אין אַמסטערדאַמער „געטאָ", ווי אויף אַן איטאַליענישן קאַרנאַוואַל־יום־טוב. די מאַסקאַראַדעס און בעלער פלעגן געוויינטלעך געדויערן צוויי וואָכן פאַר און צוויי וואָכן נאָך פּורים. כדאי צו דערמאָנען, אַז די פּורים־שמחה האָט מען אויסגעלעבט אין גאַס און אַ מאַסקאַראַדע־צוג מיט מוזיק און פאַקלען, האָט אָפט איבערגעשריטן די גרענעצן פון יידישן געגנט, ווו די טאָלעראַנטע נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט אים אויפגענומען מיט אַ סך סימפּאַטיע.

דער באַוווּסטער געלערנטער און רייזנדער חיים דוד אזולאי, וואָס האָט

באַזוכט האָלאַנד אין 1778 און געזען אַן אַמסטערדאַמער פּורים־קאַרנאַ־וואַל, פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך דאָס פאָלגנדיקע:

„שבת צו נאַכטס האָט מען די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין די גאַסן פריילעך און מיט מאַסקעס און זיך נאַריש געמאַכט צוליב פּורים וועגן, גלייך די שטאָט וואָלט געהערט צו זיי, מיט אַ סך טומל אויף אַלע גאַסן פון שטאָט; און דער רוב פון זיי זענען אין אַמסטערדאַם אשכנזים, מער ווי 50 (?) טויזנט נפשות. אין דער פרייער שטאָט נעמען זיי זיך שוין צו פיל פרייהייט, גלייך זיי וואָלטן געווען די הערשער פון שטאָט און לאַנד. אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג!"

וועגן טעאַטער־שפּילן גופא ביי אשכנזישע יידן לייענען מיר אין אַ דאָקומענט, דאַטירט פון 1683, אַז „זינט אַ געוויסער צייט האָבן (יידן) פון דער הויך־דייטשער נאַציע (אשכנזים) געמאַכט אויף דער אודע סכאַנס פון אַ שפּייכלער אַ פאָרמעל טעאַטער מיט אַ בינע און אָפּוועק־סלענדיקע דעקאָראַציעס... ווו דריי מאָל אין וואָך, שבת, זונטיק און מיט־וואָך ווערן אויפגעפירט טרויער־ און לוסט־שפּילן. די צאָל באַזוכער פלעגט אויסמאַכן פון 200 ביז 300. צווישן זיי זענען פאַראַן אויך נישט־יידן".

דעם 25־סטן פעברואַר 1707, דערלאַנגען דריי אשכנזישע יידן אַ ביטע אין מאַגיסטראַט, מען זאָל זיי דערלויבן שפּילן טעאַטער אין דער הויך־דייטשער אָדער סמאוסע (זידל־וואָרט פאַר יידיש) שפּראַך, ווי דאָס איז דער מנהג זינט יידן וווינען דאָ אין שטאָט.

אַ דעטאַלירט בילד פון יידישן טעאַטער, זיין אויסזען, זיינע אַרטיסטן, דעם שפּיל און אפילו שטימונג, וואָס האָט אים געהערשט, מאָלט אַ נישט־יידישער שרייבער אין אַ האָלענדיש בלאַט פון 25 מערץ 1726. עס הייסט ביי אים „אַ באַשרייבונג פון טעאַטער פון די סמאָוסן" (סמאָוסן: זידל־וואָרט פאַר יידן) און בקיצור לויטעט זי אַזוי:

„אין אַ זיכערן מיטוואָך צי דאָנערשטאָג, בין איך פאַרבלאָנדזשעט אין אַ הילצערנער שאָפּע, וואָס שטייט אין די יאָאַדסע האָוטטוינען (נאָמען פון אַ גאַס אין געטאָ). פאַר אַ סומע פון 300 גולדן האָבן די סמאוסע אַרטיסטן איבעראָנ־דערשט די שאָפּע אין אַ באַקוועמען איזראַעליטישן טעאַטער. דער אינטעריער איז געווען באַשיידן און געשמאַק אויסגעשטאָט און איז מיט גאָרנישט ענלעך געווען צו זיין אויסערלעך. מע האָט דאָרט נישט געזען קיין געטער, געטינס און ים־נימפעס, וואָס שוועבן אין טייגיקע וואָלקנס... אַנשטאָט די באַלערנענדיקע דערשיינונגען, האָט זיך דאָרט געפונען אַ קליינינקע בינע. רעכטס איז געשטאַנען אַ בופעט מיט כל טוב: בראָנפן, זיסער קוכן, פייקעס טאַבאַק און ווערעמדיקע פּאָמעראַנצן. צווייי בכבודיקע הענגלייכטער, וואָס האָבן מסתמא אַמאָל באַלויכטן די טייוולאָ־

נישע חתונה פון פראזערפינען, האָבן געפלאַקערט מיט זיבן פלאַמען. די הענג־לייכטער האָט מען אָנגעצונדן נאָך אַ געדולדיקן וואַרטן פון אַנדערטהאַלב שעה מיט זעכצן מינוטן. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון פיר מוזיקאַנטן, די ברי־דער פּאַלאַק. געשפּילט האָט מען „דאָס מזל איז קיילעכדיק" פון ד. העינק (נישט־יידישער, האָלענדישער קאָמעדיע־שרייבער — ל. פּ.). אַז דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָט מען געזען דעם קיניג, לייבכ'ע דעם היטלמאַכער, אַפּערקריכן אין באַגלייטונג פון גראַפן און דער פּרינצעסין פּאַרסיאַ, געשפּילט דורך דעם פּאַריק־מאַכער נאַבאַראַ... ביים אָראָפּשפּרינגען פון דער לייטער, האָט קיניג לייבכ'ע פאַרגעסן מיטצונעמען זיין מאַנטל... נאָכן דעקלאַמירן אַ צאָל קופּלעטן מיט עפּעס אַ העברעאישן געברום, האָט איבערגענומען זיין ראָל לאַזער קלאַדדער מיט פאָלגענדיקן פּערז:

דו פּירשט, דו פאָלג זיין ווילן. מיר הערן מיט פאַרלאַנגען.

דעמאָלט האָט פּאַרסיאַ דורך איר שאַרלאַך־רויט געפאַרבטער נאָז אַרויסגע־לאָזט אַ קוויטש אַלס ענטפער:

און וואַרטן פרוידיג זיין געבאָטן שטענדיק צו האַלטן."

די דיאַלאָגן האָבן זיך נאָך לאַנג געצויגן. אַן אומגעדולדיקער האָט דער מחבר פאַרלאָזט די שאָפּע, ווו — לויט ער פאַרזיכערט — ער איז שיר נישט דערשטיקט געוואָרן אין דער „העברעאישער לופט", אַן אַנגע־גליטער דורך די „וואַרעמע סמאוסע פריילינס".

אין די קומענדיקע יאָרצענדליקער איז ביים אשכנזישן עולם דער דראַנג צו שפּילן און זען יידיש טעאַטער נישט אָפּגעשוואַכט. די באַ־ווייזן דערפאַר זענען גענוג. ליידער איז פון געשפּילטן רעפּערטואַר כמעט גאָרנישט פאַרבליבן. נאָך אין די אַכציקער יאָרן פון 18־טן י. ה. געלינגט עס אַ דייטשן יידן, יעקב הערץ דעסויער, צו אָרגאַניזירן אַ יידישע טעאַטער־טרופּע, וואָס שפּילט נישט אַליין אין אַמסטערדאַם נאָר אויך אויף דער פּראָווינץ. יעקב הערץ דעסויערן קומט אויך דער כבוד, צו פאַרמעלדן אים ווי דעם גרינדער פון דער ערשטער דראַמאַטישער שול ביי יידן, וועמענס שילער האָבן העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט, אונטער זיין לייטונג, געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָל אין דער האָלענדישער טעאַ־טער־געשיכטע. זיין רעפּערטואַר, הגם אין אָנפאַנג געשפּילט אין יידיש־האָלענדישן לשון און וואָס איז באַשטאַנען פון כמעט לויטער איבערזעצונ־גען, ווערט שפּעטער נאָר אַ דייטש־ און האָלענדיש־שפּראַכיקער. אָבער סיי זיין דראַמאַטישע שול, סיי זיין טעאַטער־טרופּע, האָבן נאָר געקאָנט אויפ־קומען אויף אַ באָדן, וואָס איז אין משך פון דורות אַדורכגעאַקערט גע־וואָרן מיט רייכע טעאַטער־טראַדיציעס, אייגענע און איבערגענומענע פון דער סביבה אין וועלכער מען האָט געלעבט. עס איז דעריבער אָנצו־

נעמען, אַז די פאַרבליבענע רעפּערטואַר־ירושה שפּיגלט ווײַט נישט אָפּ זײַן ריכטיקן פּאַרנעם, אַזוי ווי די האָלענדישע ייִדן האָבן אים געקענט. דאָס צופעליקע געפינס פון דער אַנאָנימער קאָמעדיע, וואָס מיר רופן איצט „אַלס דער סוף איז גוט, איז אַללעס גוט", מאַכט אונדזער השערה נאָך מער וואַרשײַנלעך.

די קאָמעדיע הייבט זיך אָן מיט אַ בריוו פון דער קהלה סאלנעק צום אַמסטערדאַמער פּרנס ר' ליפּמאַן. דער איבערברענגער פונעם בריוו איז אַ ירושלמי, אַ משולח, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו זאַמלען געלט פאַר דער שווער־געטראָפענער קהלה סאלנעק, אין פּוילן. ער מאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז ער רעדט נאָר לשון־קודש און דערמאָנט שטאַרק דערמיט אָן שלום עליכעמס העלד „דער אורח", וואָס רעדט אויך נאָר לשון־קודש מיט „סאַמע פּתחן". אין דער אמתן, איז ער אַ ברעסלער תושב און דערצו אַ באַקאַנטער שווינדלער. אַז ברעסלע ווערט אים צו קליין, לאָזט ער זיך קיין דײַטשלאַנד, וווּ מען קען אים נישט, כדי דאָרט אויסצופּרוּוון זײַן מזל. פון דאָ שרײַבט ער זײַן פאַרבליבענער פרוי ליפּקע יענטעס אַ בריוו קיין ברעסלע מיט אַ פאַלשער חתימה, אין וועלכן ער איז איר מודיע, אַז ער איז געשטאָרבן... פון דײַטשלאַנד פאָרט ער קיין האָלאַנד אין באַגלייטונג פון אַ משרת. דאָס איז אַ, פאַר אַ בחור פאַרשטעלט, מיידל, וואָס לאָזט זיך אָנרעדן צו פאַרלאָזן דעם פאָטערס הויז, כדי מיט אים שפּעטער חתונה צו האָבן.

אין צווישן האָט די „אלמנה" ליפּקע יענטעס חתונה מיטן ירושלמיס פרײַנט ר' יאָקש. אָבער אויך ר' יאָקש פאַרלאָזט זײַן ווײַב און קומט קיין אַמסטערדאַם. איצט לאָזט זיך אויך ליפּקע יענטעס אין דער וועלט אַרײַן זוכן איר מאַן. אויך זי שפּאַרט אָן ביז אַמסטערדאַם. אינעם הויז פון ר' ליפּמאַן, געפינט זי נישט אַליין איר לעבעדיקן, נאָר אויך דעם „געשטאָר־בענעם" מאַן. דער שווינדל איז אַרויסגעקומען. דער ירושלמי קערט צוריק צו זײַן ווײַב ליפּקע יענטעס און ר' יאָקש, אויפּסניי אַ פרײַליידיקער, שענקט זײַן האַרץ דעם ירושלמיס משרת. נאָך לאַנג זוכן טרעפט אויך זי איר פאָטער אין ר' ליפּמאַנס הויז. אַלע שליסן זיי שלום מיטן גורל. די קאָמעדיע ענדיקט מיט פאַלגנדיקן אימפּראָוויזירטן ליד, געזונגען נאָכאַנאַנד פון ר' יאָקש און זײַן מחותן, דעם חזן פון דער קהלה פינגער־לאַך:

בכן וויל עך נישט מער זינגען, ווײַל עס איז פּאַק (אָפּט) נישט שײַן
רק עח חעל נור זאָגין דיזה דברים גאָהר אַליין

ואתן ברכתי לכל אחד לפי מעלתו את אשר ישים ה׳ בפי
ובראשון לכבוד הרב הגאון המפורסם מהו׳ יעקב משה נרן אַב״ד
דק״ק אמשטרדם כלילות יופי

עה ווינש אַך רבי לעבין אַז איהר זאָלט אייך יאָהרן אין שמחות
אויז לעבין
און הש״י זאָל אַך אַללעס וואָס איהר פּאַרלאַנגט געבין —
און אן אייר קינדער זאָלט איהר פיהל שמחות זעהן אונד הערין
וישלח ה׳ ברכתו אליו ולכל הנלוים אתו וואו זיא זיך ווערן קעהרין

און איהר זאָלט נאָך זוכה זיין פיהל פורים צו מאַכין
אין נחת, און שמחות, און פרגניהגונג בייא אַללע זאַכין
און אַללע יאָהר זאָל קומען אַ ר׳ שמעריל אָדער אַ ר׳ יאָקש
פון טאַרניפּאָל
דער אַך לכבוד פורים אַ ביסלע לושטיג מאַכין זאָל

און ענק רבותי לעבין ווינש אַך אויך אַללעס גוטס
מאַכטס ענק לושטיג און זייטס גוטס מוטס
אויב עה ענק געפאַללין האָב, וויל ענק נישט פרעגין
וואָרום ווען עה ענק נישט געפאַללין האָב, איז מעה אייך
נישט גלעגין

די דאָזיקע סטראָפן רעדן פאַר זיך אַליין וועגן אַרט און צייט פון אויפפירן די קאָמעדיע. מיר דערהערן אין זיי די אונדז אַזוי גוט באַקאַנטע ווענדונג פונעם פורים־שפּילער צום פאַרזאַמלטן עולם. געטריי דער טראַדיציע פון זיין פאָטער דעם אַמסטערדאַמער רב שאול לעווענשטאַם, האָט אויך דער זון געמאַכט פורים מיט אַ סך פראַכט און פראַל, און געלאָזט אויפפירן אין זיין זייער גרויסער וווינונג אַ קאָמעדיע, וואָס באַהאַנדלט איינע פון די אָנגעווייטיקסטע פראַגעס פון יענע יאָרן אין דער אַמסטערדאַמער קהילה, נעמלעך די פראַגע פון דער הערשנדיקער אָרעמקייט אין איינע פון אירע קאַריקאַטוראַלע דערשיינונגען.

אין איר בוי און קאָמפּאָזיציע, גלייכט אונדזער קאָמעדיע צו די דעמאָלט געשריבענע און געשפּילטע האָלענדישע קאָמעדיעס. ווייזט אויס, אַז אחוץ דער היפשער ערודיציע אין דער יידיש־טראַדיציאָנעלער ליטע־

ראַטור, האָט אונדזער אַנאָנימער מחבר אַלגעמיין וויסן און די בינע מיט איר טעכניק איז אים נישט פרעמד געווען. ער באַזיצט אויך אַ פיין שפּראַך־געפיל. זיינע העלדן רעדן דאָס יידיש פון די געגנטן פון זייער אָפּשטאַמונג. אַחוץ, פאַרשטייט זיך, דער ירושלמי, וואָס רעדט אַ דורכאויס לעבעדיקן העברעאיש, וואָס באַווייזט, אַז דער שרייבער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער העברעאישער סטיליסט.

„די צאָל קאָמעדיעס דערשינענע אין דרוק אין די זיבן פּראָווינצן (האָלאַנד) בעת דעם 17־טן און 18־טן י. ה.„ איז געווען געגוי אַזוי געוואַלטיק גרויס ווי די צאָל אויפגעפירטע טעאַטער־שטיק״, שטעלט פעסט דער באַוווסטער היסטאָריקער פון האָלענדישן טעאַטער, א. י. וואָרפּ. „אין די טיטלען פון זייער אַ סך סצענישע ווערק טרעפט מען כסדר אָן אַזעלכע אַדיעקטיוון ווי: פאַרשטעלטע, אָפּגענאַרטע, פאַררעטערישע, אומטרייע אאַ״וו. אָדער סוביעקטיוון: שווינדלער, מכשף אאַ״וו. אַזוי, למשל, האָט דער שרייבער ה. וואַן האַלמאַעל ליבסט אָנגעשריבן ניינצן קאָמעדיעס מיט אַ הויפּט־פּערזאָן אַ שווינדלער אָדער אַ צבועק, ווען עמענס פאַלשקייטן קומען אָבער שטענדיק אַרויס. פאַר אַ סך קאָמעדיעס איז כאַראַקטעריסטיש זייער גראָבקייט, שפּלקייט און אויסגעלאַסנקייט״.

די כאַראַקטעריסטיק וואָרפּ׳ס וועגן דער האָלענדישער קאָמעדיע, טרעפט אויך אין געוויסן זינען צו אויף דער יידישער. אויך דאָ פעלט נישט קיין גראָבקייטן. זיי טראָגן אָבער דעם חותם פון אַ יידישער פּסיכע און זענען דער אויסדרוק פון אייגנשאַפטן געפאָרמטע אין גאַנץ באַזונ־דערע פאַרהעלטענישן און אונטערשיידן זיך שטאַרק פון די אינעם האָ־לענדישן טעאַטער־שפּיל.

בעת דעסויער פייערט טריומפן מיט זיין „דאָן זשואַן״ און אַזוי פיל אַנדערע אָפּערעס געשפּילט אין דייטש צי האָלענדיש, פירט מען אויף אין אַמסטערדאַם אַ קאָמעדיע אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש און דאָך לויט אַלע כללים פון דעמאָלטיקן אייראָפּעאישן טעאַטער. אַפילו דער פאַקט, וואָס זי איז נישט באַרעכנט פאַר אַ גרויסער טעאַטער־טרופּע און אויך נישט אויף דעקאָראַטיווע עפעקטן, פאַרמינערט מיט גאָרנישט איר ווערטלעכן ווערט. איר שרייבער רעכנט אויף דער וואָרט־פאַנטאַזיע פונעם צושויער און דער פעלנדיקער דעקאָראַטיווער עלעמענט ווערט אין אַ הויכער מאָס קאָמפּענסירט מיטן שפּראַכלעכן. גלייך שלום עליכם, אָפּערירט ער מיט אויסדרוקן, דעם עולם זייער פאַרטרויטע, פון די טעגלעכע תפילות, תנ״ך צי תלמוד, וואָס באַקומען אינעם מויל פון זיינע העלדן אַ גאַנץ אַנדערן

אינהאַלט און באַדייטונג און צוליב וואָס עס געלינגט אים צו שאַפן צי אַקצענטואירן קאָמישע סיטואַציעס.

למשל: ר׳ יאָקש ווענדט זיך צו זיין מחותן ר׳ הענערל מיט אַ באַ־קאַנטן פּסוק פון תפילת שחרית „ברוך אתה ה׳ המכין מצעדי גבר, דאָס איז טייטש גלויבט ביסט דוא גאָט וואָס האָ(ס)ט אַן גברייט דען טריט פון עס הענעריל, ווארום ווען איהר נישט ווערט אַהער גקומען, וואו האָט איהר אַזויא אַ פיינעם איידעם גקריגן״. (גבר באַדייט אין העברעאיש און מאַן און... האָן).

אונדזער אַנאָנימער מחבר איז אויך געבענטשט מיט אַ שאַרף אויג. טרעפלעך צייכנט ער די כאַראַקטער־אונטערשיידן פון זיינע פיגורן. אין קעגנזאַץ צום עקזאַלטירטן, איבערגעשפּיצטן, חוצפּהדיקן, מכלומרשטן תלמיד־חכם ר׳ יאָקש, שטייט פאַר אונדז דער מיושבדיקער, באַרעכנטער און זאַכלעכער אַמסטערדאַמער תושב און פּרנס, ר׳ ליפּמאַן. נעבן דעם באַהערשטן, אַדורכגעטריבענעם און ראַפינירטן ירושלמי, זעען מיר דעם אומבאַהאָלפענעם, נאַאיוון און לעפּישוואַטן חזן ר׳ הענערל.

נישט ווייניקער געראָטן אין דער קאָמעדיע, זענען די צוויי פרויען־געשטאַלטן. ליפקע יענטעס איז אַן ענערגישע, לעבנסקרעפטיקע יידענע, וואָס בייגט זיך נישט לייכט פאַרן גורל. זי פאַרטראָגט נישט קיין עוולה און יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט ביז... אַמסטערדאַם. איר צונג איז גלאַט און שפּיציק. לייכט טוישט זי איר ראָל פון אַ באַעוולהטער, שוואַכער פרוי־אויף דער, וואָס איז ווייט בכוח איר שטעטל צו באַשטיין קעגן אַזעלכע מענער ווי אַ ירושלמי און ר׳ יאָקש. אין טעמערלען ווידער, דערקענען מיר אַן ערלעך, פּשוט מיידל אָן לעבנס־חכמה, וואָס ווערט לייכט אַ קרבן פון אירע אומשטאַנדן און שטימונג.

אַ גאָר בולטן אָרט פאַרנעמט אין דער קאָמעדיע דאָס בילד פון שאַרפן אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט אין האָלאַנד צווישן יידן האָלענדישע, זעפּשטאַמיקע פון דייטשלאַנד און יידן פּוילישע, וואָס זיינען פּערזאָניפי־צירט אין אַזאַ פאַרשוין ווי ר׳ יאָקש.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אונדזער קאָמעדיע האָט בעצם מיט די באַקאַנטע פּורים־שפּילן נישט קיין שייכות. זי האָט נאָר דאָס מיט זיי בשותפותדיק, וואָס מען האָט זי אָן ספק געשפּילט אום פּורים. הגם עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז נאָכן אָוועקלאָזן אָדער פאַראַנדערשן עטלעכע קופּלעטן צום סאַמע סוף, האָט מען זי אויך געשפּילט אין אַנדערע צייטן פון יאָר. סוף כל סוף איז דאָך דער הויפּט־ציל פון מחבר געווען צו אַנט־

פלעקן דעם אייטערדיקן ווונד אויפן קערפּער פון דער דעמלטיקער האָלענדיש־יידישער געזעלשאַפט, נעמלעך די ביטערע נויט און די מיט איר פּאַרבונדענע מאָראַלישע געפאַלנקייט. פאַר אים האָט זיך נישט געשטעלט אַזאַ דערהויבן פּראָבלעם ווי פאַרן מחבר פון דער ערשטער יידישער קאָמעדיע, יצחק אייכל, מיטן וואָפן פון דער השכלה צו דערגרייכן אין דייטשלאַנד גלייכע רעכט פאַר יידן, וואָס האָט פאַר זיי קודם כל באַדייט די אָפּשאַפונג פון באַליידיקנדיקע געזעצן ווי קאָפּ־שטייער און באַגרענעצן די צאָל חתונות. דעם מין באַליידיקונגען האָט דער ייד אין האָלאַנד נישט געקענט. אויך דער ענין השכלה, דער שאַרפער קאַמף אַרום איר צווישן אַלטן און יונגען דור, ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין אייכלס „ר׳ הענאָך, אָדער וואָס טוט מע דעמיט״, איז אין האָלאַנד געלעגן אויף אַ גאַנץ אַנדערער פלאַך. די אשכנזישע יידן האָבן זיך דורות לאַנג אָנגעזען השכלה ביי דער ספרדישער שוועסטער־קהילה און זי איבערגענומען און פאַראייגנט אויף זייער אופן. זיך אָפּגעבן מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן איז פאַר די האָלענדישע יידן נישט געווען קיין טריפה־פסול און זיי האָבן דערפאַר נישט געדאַרפט קעמפן. אַ שאַרפער שטרייט אַרום דער שפּראַכן־פראַגע צווישן „אויפגעקלערטע״ און „פּינצטערלינגע״ ווי אין דייטשלאַנד, האָט אין דער צייט ווען עס שפּילט אונדזער קאָמעדיע, דאָ אויך נישט געקאָנט געדייען.

דאָך זענען פאַראַן באַרירונגס־פונקטן אין ביידע קאָמעדיעס. ביידע זענען זיי רעאַליסטיש און אין ביידע רעדן די העלדן די שפּראַך פון זייער מיליע. אָבער, אויב מאַקס עריק קומט צום אויספיר ביי אייכלס קאָמעדיע, אַז אין פּרט פון שפּראַך איז זי „נישט אַ יידישע און נישט אַ דייטשע״, טרעפט אַזאַ אויספיר אויף אונדזער קאָמעדיע לגמרי נישט צו, ווייל די לעצטע איז כולה יידיש און אפילו מיטן ירושלמיס העברעאיש געהער זי צום יידישן שפּראַך־געביט.

פון אַ וועזנטלעכער השפעה אייכלס אויף אונדזער מחבר קאָן אויך נישט זיין קיין רייד, הגם ער האָט דעם ערשטנס קאָמעדיע, וואָס איז געשריבן העכסטענס מיט פיר יאָר פריער און צו דרינגען לויטן טעקסט, יאָ געקענט. ווידער דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז די האָלענדישע „השכלה״, איר שטרעבן צו גלייכע רעכט אין זין פון אויסקעמפן פּאַסיווע און אַקטיווע וואַל־רעכט, באַזעצן פון עפנטלעכע און מלוכהשע אַמטן אד״גל, איז געווען דער עיקר אינספּירירט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און נישט פון מענדעלזאָנען. פון דעם קוקווינקל וועלן מיר פאַרשטיין אויך די טענדענץ אין דער האָלענדיש־יידישער קאָמעדיע. איינער פון די

הויפּטצילן פון די האָלענדישע „משכילים" איז געווען דאָס פּראָדוקטי־ ווײַזירן פון דער יידישער אָרעמקייט אָדער ווי זיי פלעגן דאָס אָנרופן „איר סאָציאַלע דערהייבונג". אַ סך דאָקומענטן פון יענער צייט דערציילן וועגן פאַרשיידענע אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג. אַ געדיכט פון שוין דער־ מאָנטן טעאַטער־דירעקטאָר יעקב הערץ דעסויער איז אויך געווידמעט דעם ענין פּראָדוקטיוויזאַציע.

אויפן סמך פון אָקערשט געזאָגטן איז אָבער נישט מסיק צו זיין, אַז דער האָלענדישער קאָמעדיע־שרייבער האָט געהערט צום משכילישן קלוב „פעליקס־ליבערטאַטע" צי געווען גאָר אַ מיטגליד פון דער נייער קהילה „עדת ישורון". ער איז אָבער יאָ געווען אַ קינד פון זיין האָלענדיש־ יידישן מיליע און פון זיין צייט און געהאַט אַן אָפן אויג און אויער פאַר זייערע פּראָבלעמען.

דאָס אָנשרייבן אַ קאָמעדיע איז אינעם ליכט פון דער ספּעציפישער געאַרטקייט פון יידן אין האָלאַנד אַ קנאַפּער באַווייז מכוח דער אָנגע־ הערעקייט פון איר מחבר צו דער משכילישער מחנה, פונקט ווי איר אויפפירן אינעם הויז פון אַן אַמסטערדאַמער רב איז אַ באַווייז, אַז דער רב איז געווען אַ מענטש מיט שטאַרק וועלטלעכע השגות. אין אונדזער פאַל ווייסן מיר, אַז דער רב יעקב משה לעווענשטאַם האָט גראָד געהערט צום אָרטאָדאָקסישן לאַגער, וואָס האָט די היימישע „השכלה" באַקעמפט.

*

איך בין גריילעך באַוווסט, אַז איך האָב נאָך ווייט נישט אויסגע־ שעפּט אַלע פּראַגעס, וואָס זענען עלול אויפצושווימען אין שייכות מיט דער קאָמעדיע גופא און איר אומבאַקאַנטן מחבר. איך האָב נאָר געפּרוווט עפּעס דערציילן וועגן באַדן און קלימאַט ווו די קאָמעדיע איז אַנטשטאַ־ נען כדי דערמעגלעכן דעם לייענער זי בעסער צו פאַרשטיין און דעם פאָרשער אויפצוועקן ממשיך צו זיין און פאַרטיפן מיין אָנגעהויבענע אַרבעט.

ביבליאָגראַפיע:

בכיוון האָב איך אויסגעמיטן צו באַנוצן זיך אין דער איינלייטונג מיט הערות צי פוסנאָטעס. פאַרן רוב לייענער, האַלט איך, איז דאָס נאָר אַ שטער. דאָך איז מיר קיינער נישט מחויב צו גלויבן אויפן וואָרט, נישט אָגווייזנדיק די מקורות פון וואַנען די ידיעות מיינע זענען געשעפּט. אָט זענען זיי:

1. „דער דיסקוהרש". (אַ יידישע צייטשריפט דערשינען אין אַמסטערדאַם). אַמסטערדאַם 1797—98.

2. י. שיפער, „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע". וואַרשע 1927—1928.

3. מ. עריק, „די ערשטע יידישע קאָמעדיע". איציק אייכלס „ר' הענאַך אָדער וואָס טוט מען דערמיט". פילאָלאָגישע שריפטן. 3. ווילנע 1929.

4. ז. רייזען, „די מאַנוסקריפטן און דרוקן פון איציק אייכלס קאָמעדיע „ר' הענאַך", ווילנע־ניו־יאָרק 1930, אַרכיוו פאַר דער געש. פון ייד. טעאַטער און דראַמע. 1.

5. י. שאַצקי, „וועגן אהרן חאַללע־וואָלפזאָהנס פיעסן". אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון ייד. טעאַטער און דראַמע. 1. ווילנע־ניו־יאָרק 1930.

6. יוסף דוד אזולאי, ספר מעגל טוב וגו'. חוברת שניה. ירושלים 1934.

7. י. שאַצקי, „די לעצטע שפּראַצונגען פון דער יידישער שפּראַך און ליטע־ראַטור אין האָלאַנד". ווילנע 1938.

8. י. שאַצקי, „דראַמע און טעאַטער ביי די ספרדים אין האָלאַנד", ייוואָ־בלעטער ב' 16, נומ. 2.

9. י. שאַצקי, „פּורים־שפּילן און לצים אין אַמסטערדאַמער געטאָ". ייוואָ־בלעטער ב' 19, נומ. 2.

10. י. שאַצקי, „טעאַטער־פאַרוויילונגען ביי די אשכנזים אין האָלאַנד". ייוואָ־בלעטער ב' 21. נומ. 3.

11. I. S. Mulder, Bijdrage tot de geschiedenis van de Joden in Nederland. In : Nederlandsch-Israellietisch Jaarboekje voor 1852.

12. « Hoogduitsche, Joodsche, Amsterdamsche, tooneelgezelschap » ; « Hoogduitsche, Joodsche tooneelgezelschappen » ; « Nadere bijzonderheden omtrent Dessauer en zijn toonelgezelschap ». In : De Nederlandsche Spectator, 1867.

13. C. N. Wijbrands, Het Amsterdamsche tooneel van 1617-1772. Utrecht, 1873.

14. J. A. Worp, Geschiedenis van het drama en van het tooneel in Nederland. Groningen 1904-08.

15. Italie, Oude Joodsche tooneelgezelschappen. In : Weekblad voor Isr. Huisgezinnen 1914-26.

16. E. F. Kossmann, Nieuwe bijdragen tot de geschiedenis van het Nederlandsche tooneel in de 17e en 18e eeuw. 's-Gravenhage 1915.

17. M. Wolff, De eerste vestiging der Joden in Amsterdam, hun politieke en economische toestand. Overdr. : Bijdragen voor vaderlandsche geschiedenis en oudheidkunde. 's-Gravenhage 1910-1913.

18. J. S. da Silva Rosa, Bijdrage tot de kennis van den economischen en politieken toestand der Hoogduitsche Joden te Amsterdam in het begin der vorige eeuw. In : Centraalblad voor Isr. in Nld. 1916.

19. J. A. Worp, Geschiedenis van den Amsterdamschen Schouwburg, 1496-1772. A'dam 1920.

20. I. Maarsen, De Amsterdamsche opperrabbijn R. Saul Lœwenstamm (1755-1790) en zijn tijd. Overdr. : Nieuw Ilr. Weekblad, Jg. 56-57 (1921).

21. J. A. van Praag, La Comédia espagnole aux Pays-Bas au XVIIe et au XVIIIe siècle. Amsterdam 1923.

22. S. Seeligmann, Die Juden in Holland. Eine Charakteristik. Festskrift anledning af. Prof. David Simonsens 70-aarige fœdselsdag. Kobenhavn 1923.

23. D. M. Sluis. Uit de geschiedenis der Groote Synagoge der Hoogduitsche-Joodsche Gemeente te Amsterdam in de jaren 1768-1814. Amsterdam 1924.

24. J. S. da Silva Rosa, De Joden in de Schouwburg en in de Opera te Amsterdam gedurende de 17[e] en de 18[e] eeuw. Vrijdagavond I, 46-47.

25. J. S. da Silva Rosa, Geschiedenis der Portugeese Joden te Amsterdam. A'dam 1925.

26. J. Zwarts, Hoofdstukken uit de geschiedenis der Joden in Amsterdam. Zutphen 1929.

27. A. M. Vaz Dias, De economische positie van 't gros der Amsterdamsche Joodsche bevolking voor 795. In : Nieuw Isr. Weekbl. Aug.-Sept. 934.

28. E. Boekman, Demografie der Joden in Nederland Amsterdam 1936.

29. L. Hirschel, Cultuur en volksleven. In : Geschiedenis der Joden in Nederland I. Amsterdam 1940.

30. L. Fuks, Van Poerimspelen tot Poerimkranten. In : Maandblad voor de Geschiedenis der Joden in Nederland. I, 6-7. (1948).

31. J. A. van Praag, Hoe onze « Portugezen » Purim vierden. In : Maandblad voor de Geschiedenis der Joden in Nederland. I, 6-7. (1948).

32. J. Melkman, David Franco Mendes, a Hebrew poet. Amsterdam 1951.

די ידיעות פאַראַרבעט אין דער איינלייטונג און באַצוג צום עמאַנציפּאַציע־פּעריאָד פון יידן אין האָלאַנד, שטיצן זיך אויף דער אָריגינעלער ליטעראַטור פון דער צייט, ווי די יידישע כראָניק פון בענדיט בן אייזיק ווינג אין כתב־יד, וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיט אַ גרויסער זאַמלונג עמאַנציפּאַציע־בראָשורן אין דער ביבליאָטעקאַ־ראָזענטאַליאַנאַ.



פאַקסימילע פון דער קאָמעדיע

„אַלס דער סוף איז גוט, איז אַלעס גוט"

ר׳ ליפמן:

(לעזט) גזירה גדולה איז בכאַן ק״ק סאלנעק, דער עירוב פון דיא קהלה איז גגנבת גווארן, אלזויא קאן זיך קיינר אן שבת בוועגין, רק צריך לישב כגנב במחתרת, וגם נאבדו המפתחות של המקוה והיא סוגרת ומסוגרת, וע״י כך לא יוכלון הנשים העבריות לטהר את גופם, ועבירה עבירה גוררת, וגם איז נאָך איין גרעסרי צרה בכאן, דאס בשנה זו דאס יאהר איז גווארדן מעוברת, ועי״ז איז איין גרויסע חרפה לכל בני עירנו אונד אויף אונז איז מוטל לשמור משמרת, צי פאהר צי קומען לעשות תיקון לתקן מחדש עירובי חצרות, וגם המפתחות הנעדרות, אונד זולכס זעהר פיהל געלד קאשט, אונד ביי (אונז) איז כלו פרוטה מן הכיס ומן הבתים ומן החצרות, דארום שיקן מיר איין איש צעיר המשתלח לילך בכל מקומות ועיירות, ולקבץ מעות מן מחצית השקל ומנדבות מכל השנה מן סוכת, פסח, ועצרת, אונד יעדר איינר זאָל געבן כפי יכולתו, ווען אויך זיין גאַנץ עשירות, ובשכר זה יזכו לכבוד וגדולה ועטרת, אונד איהר ווערט שוין זיין בהיט פון זא איין משלחת מלאכי רעים, לא עליכם עתה, אום אייך אייער געלט אַוועק צי נעמען, ומדת הרחמים עליכם יהי׳ גוברת, וע״י כך ווערט די גאולה במהרה קענין קומין ווייל איהר שוין קיין געלט האָבין ווערט ונעלה לציון ברנה עיר תפארת כ״ד הבאים עה״ח כ״ה ק״ק סאלנעק הק׳ ראובן בן יום טוב, שמחה בן דצ״ך עדש, פלטיאל בן דרגא תביר.

[ערשטער אַקט]

[ערשטער אויפטריט]

ר׳ ליפּמאַן:

(לעזט) אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן דער קהלה קדושה סאָלנעק. דער ערוב איז געגנבעט און קיינער קען נישט אום שבת פון שטוב אַרויס און מוז ליגן אויסבאַהאַלטן ווי אַ גנב אין אַ לאָך. אויך זענען פאַרלאָרן געגאַנגען די שליסלען פון מקווה. איצט איז זי פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער און יידישע ווייבער קענען זיך נישט טובל זיין. און איין עברה שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע עברה. אָבער נאָך גרעסער איז די צרה, וואָס היי־יאָר איז דאָס יאָר מעוברת געוואָרן מיט אַן עיבור־יאָר צוליב וואָס די שטאָטלייט האָבן אויסצושטיין חרפּות און בזיונות. און היות אויף אונדז ליגט דאָך דער חוב אָפּצוהיטן און פאַרהיטן פאַר אַזאַ בייז, סיי דורך פאַרריכטן דעם ערוב און סיי דורך פאַרשאַפן נייע שליסלען, און געלט איז נישטאָ, נישט אין די ביימלען און נישט אין די הייזער און אַלעס קאָסט ממון, דערפאַר האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ יונגענמאַן, וואָס זאָל זיך לאָזן איבער שטעט און שטעטלעך, כדי צונויפצונעמען געלט, אָנהייבנדיק פון אַ האַלב רענדל ביז נדבות פון אַ גאַנץ יאָר. און יעדער איינער זאָל געבן וויפיל ער קען, ווען אויך זיין גאַנץ עשירות. אין דעם שכר וועט איר זוכה זיין צו כבוד און גרויסקייט און וועט שוין באַהיט ווערן פון אַזאַ משלחת מלאכים רעים, ווי איצט לא עליכם, וואָס איז געקומען אַוועקנעמען אייערע ממתקים. דערפאַר וועט אויך איינגיכן קענען קומען די גאולה, ווייל איר וועט שוין מער קיין געלט נישט פאַרמאָגן און מיר וועלן עולה זיין קיין ציון דער פּרעכטיקער שטאָט מיט געזאַנג. האָבן געחתמעט דאָ אין דער קהלה סאָלנעק: הקטן ראובן בן יום־טוב, שמחה בן דצ״ך עדש, פלטיאל בן דרגא תביר.

קרני-פרה:

נון האבין זיא געהערט אונזר פרלאנגין, אונד מיר צווייפעלען ניכט דאס זיא מיין הערר אַללעס צום בעסטן ביזורגן ווערדן דען מיר ווארלן באַלד ווידר אַוועק פון היר.

ר' ליפמן:

איך ווערדע מיין מעגליכסטעס טוהן (צו דען ירושלמי) כבר שמעתי את מבוקשו ומה שיש ספק בידי אעשה.

ירושלמי:

טוב אדוני; השם יאריך ימיו עם כל משפחתו, ובוודאי אין מצוה גדולה מזו, לתקן עירובין ונטילת ידים ולתת בידי כל מה שיש בידכם לקיים מה שנאמר והי' כי תלכון לא תלכו ריקם 1), והידים יהי' מוכחות את נדבת לבכם את כל ונוכחת. עכשיו אני אלך ומחר אי"ה אבוא אליו לשמוע איך יקום הדבר? בטוב ילין!

ר' ליפמן:

כן למר.

קרני פרה:

גוטי נאַכט (ירושלמי מיט קרני פרה געהן אב).

2-טער אויף טריט

ר' ליפמן:

(אַליין) עס וואהר דאָך קיין מאהל דאס אזויא פיהל משול-חים זיין ארויס קומן וויא יעצינד, דא קומט איינר, אין דען מקום איז דיא גזירה, דא קומט איינר מיט פדיון שבוים, ווער וויסט אויב אללעס וואהר איז אונד בפרט יעצינד, עס גיבט זעהר פיהל רמאים אין עולם, איך מוז דא זעהר פרזיכטיג זיין, אונד ערשט רעכט נאך הערין אויב דיזר שליח איין משולח נאמן איזט אדער ניכט.

קרני־פרה:

איצט האָט איר פאַרנומען אונדזער בקשה און מיר צווייפ־לען נישט, אַז איר, מיין הער, וועט אַלעס טון זי צו דער־פילן, ווייל... מיר ווילן תיכף פון דאַנען ווייטער פאָרן.

ר' ליפּמאַן:

איך וועל טון, וואָס איך וועל נאָר קענען. (צום ירושלמי) אייער פאַרלאַנג האָב איך געהערט און וועל אַלעס טון, וואָס וועט מיר מעגלעך זיין.

ירושלמי:

גוט מיין הער; גאָט זאָל אייך און אייער משפחה שענקען אַ לאַנג לעבן; ווייל קיין גרעסערע מצווה ווי פאַרריכטן אַן עירוב, נטילת ידים און מיר איבערגעבן אַלעס, וואָס איר פאַרמאָגט, איז דאָך נישט פאַרהאַן, ווי עס שטייט געשריבן, אַז איר וועט אַוועקגיין, זאָלט איר נישט גיין ליידיק און אַז די הענט זאָלן עדות זאָגן פון דער ברייטקייט פון אייער האַרץ. איצט גיי איך און מירצעשעם מאָרגן וועל איך צו אייך קומען הערן ווי עס האַלט מיט דער זאַך. שלאָפט געזונט.

ר' ליפּמאַן:

דאָס בעמלעכע.

קרני־פרה:

אַ גוטע נאַכט. (ירושלמי מיט קרני־פרה גייען אַוועק)

צווייטער אויפטריט

ר' ליפּמאַן:

(אַליין) נאָך קיינמאָל זענען נישט געווען אַזויפיל משולחים ווי אַצינד. דער איינער קומט, אַז אין דעם מקום איז אַ גזרה, דער אַנדערע ווידער מיט פדיון שבויים. ווער ווייסט צי אַלעס איז אמת... בפרט אַצינד, ווען עס זענען פאַרהאַן צווישן עולם אַזויפיל שווינדלער און רמאים. איך מוז זייער פאָרזיכטיק זיין און ערשט רעכט זיך דערוויסן אויב דער שליח איז טאַקע אַ שליח נאמן, אַ באַגלייבטער שליח.

3־טער אויף טריט

ר׳ ליפמן, ר׳ יאקש, נאכהער ליפקע יענטש

ר׳ יאָקש:

(קומט אַריין) דאברע נאָטץ; א ליבען הארציגען שיינען גוטן נאבענד. ברוך השם אז עח די זכי׳ האב צי זעהן אַאך גע־זינד (זעצט זיך) עח לעבין, א אשכנזשער קצין און אַ פיי־נע ברי׳ און לעילא מנהון תאקיש א גוט יידיל אוכיד, דאס האט שוינט לגמרי גאר קיין שאטץ, ובפרט מיינט איהר עח האב אָך לעבין שוין פון אַאָך אין פוילין געהערט, שם האחד אליעזר ליפמן, אחד המיוחד שבעדרו, איז זיך פרהאנדין אין ווארצ(...)ג, מע זאל גאר ניצל ווערין וואס דאס פר איין זיידן זיידן יידלכע, אין פאנטאוועסקע איז גאר א סענאטר, ונתתי שמחה בלבי דאָס השם יתברך ברוך הוא וברוך שמו תאקיש נאך פיינע קינדרלעך האט, און האבשע מיר פאהר־גנומן תיכף אי״ה ווען איכשע גיין ווער להיות נע ונד בארץ לקבל תשובה, און עח אין אייער שטאט קומן ווער, בלי שום עיכוב בייא אאך צי גין, מיט אאך צי שמוזען ולראות את פניו, ואלקי אבי הי׳ בעזרי אז עח בין ברוך השם ביסקע אלהער קימן, און עח דע כבוד האב אין א כשר הייזל. פרובט! שענקט מיר חאדשי, וויא פיהל ווילט איהר? א פאהר הונ־דרט האללענדר רענטליך, א כפרה זאללין שונאי ישראל ווערין, אז עח העטשע אזויא א הנאה דרפון אז וויא אאך ב״ה געזונד זעה. וואס טוהט מע מיט געלד א דאס איז רק טינוף זייטשע מוחל פר אייער כבוד, מעלה עשו ביוחסין 2), ייחוס דאס איז די רעכטע מעלה, מעלה שאין למעלה ממנו, ר׳ ליפמן קרויניש הארציש, גלייבטשע מיר אויף מיי נאמ־נות עח האב אאך זייר ליהב, אהבה שאין תלויה בדבר.

ר׳ ליפמן:

וואס טוהט מאן מיט דיא חנופה, דאס גילט היר ניקס, איך וויל נור הערין וואס אייער פרלאנגן איזט.

דריטער אויפטריט

(ר' ליפּמאַן, ר' יאָקש, דערנאָך ליפּקע יענטעס)

ר' יאָקש:

(קומט אַריין) דאָברע־נאָץ! אַ ליבן, שיינעם, האַרציקן גוטן נאָוונט. ברוך השם אַז עך האָב די זכייה אייך צו זען אַ געזונטן (זעצט זיך). עך לעבן, אַן אשכנזישער קצין און אַ פיינע בריה און צו דעם אַלעם טאַקיש נאָך אַ גוט יידל אויכעט. אַזוינס האָט שוין גאָרנישט זיינס גלייכן. בפרט אַז עך האָב שוין פון אייך אַפילו געהערט, שם האחד אליעזר ליפּמאַן, אַז איינער מיטן נאָמען אליעזר ליפּמאַן, גאָר אַן אויסנאָם פון זיין גאַנצער סטאַדע, איז זיך דאָ פאַרהאַן אין... מע זאָל גאָר ניצול ווערן וואָסאַרע זיידן, זיידן יידעלע דאָס איז. אין פאַנטעווסקע וואָלט ער גאָר געוואָרן אַ סענאַטאָר. מיין האַרץ לויפט איבער פון פרייד אַז השם־יתברך, ברוך הוא וברוך שמו, פאַרמאָגט נאָך טאַקיש אַזעלכע פיינע קינדערלעך. דערפאַר האָב איך מיר פאַרגענומען תיכף מירצעשעם נאָך יום־טוב ווען איך וועל נע ונד זיין צוליב תשובה און קומען אין אייער שטאָט, וועל איך אַן אַפּלייגעניש זיך אַריינכאַפּן צו אייך, מיט אייך אַ שמועס טון. און גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז עך בין געקומען ביזקל אַהער און עך האָב דעם כבוד צו זיין אין אַ כשר הייזל... פּרוווט, שענקט מיר כאָטש... וויפיל ווילט איר? עטלעכע האָלענדער רענדלעך, אַ כפרה אַלע שונאי ישראל צי עך וואָלט געהאַט אַזאַ הנאה פון זיי ווי ווען כ׳זע אייך ברוך־השם אַ געזונטן. וואָס איז געלט? רק טינוף, זייט־זשע מוחל פאַר אייער כבוד. מעלה עשו ביוחסין, יחוס איז די רעכטע מעלה, וואָס עפּעס העכערס איז גאָרנישט פאַרהאַן. ר' ליפּמאַן קרויניש, האַרציש, גלייבטזשע מיר אויף מיין נאמנות, אַז עך האָב אייך זייער ליב און מיט אַ ליבשאַפט, וואָס איז אַן גאָרנישט באַלאַנגט.

ר' ליפּמאַן:

וואָס טוט מען מיט דער חניפה? דאָ טוט מע דערמיט גאָרנישט אויף. איך וויל נאָר הערן וואָס איז אייער פאַרלאַנגען.

ר׳ יאָקש:

חנופה, ח״ו דאס גפינד זיך גאר נישט בייא מיר, הערטשע נור ערשט ווער עח בין, איהר ווערט עח לעבין חרטה האָבין, אז איהר צי מיר זאלכע דברים אשר לא כדת גזאָגט האט, איהר מוסט וויססען, עח הייס ר׳ יאקש בעל שם פין טאָרניפאָל, בוודאי אזויא וויא עח פין אאך גיהערט האב, אזויא העט איהר פון מעח גיהערט, ממילא מוזט איהר פרשטין, אז עח גאר קיין קטאָוועס בין, עח קען זאכן מאכן אשר מעולם לא נשמע ולא נראה, אַ איהר ווערט פראָגין עס שטיט יהללוך זר ולא פיך 3) וויא טאר עח מעח אזויא מתפאר זיין, נשמער ניין, עס שטיט יהללוך זר דאס מיינט מע אַ פרעמדר דער גאָר איינם נישט קאָן דער מעג לויבן. גיט דער דיוק אָבר דער איינם יוא קאָן, דהיינו וויא איהר, וואָרום איהר האט בוודאי שוין פון מיר גיהערט פרציילן טאָר נישט לויבן, דארום האט אירשע מקיים גוועזן דען פסוק און האט מער נישט גלויבט, בין עח אויך מקיים און לויב מעח תאקיש אלליין.

ר׳ ליפמן:

מכות לי בית (?), ניכר וואס פר איין מאן איהר זייט, איך גלויב אייך דאס איהר קענט זאכן מאכן אשר מעולם לא נשמע ולא נראה, ווארום אזויא איין פשט האב איך אין מיין לעבין נאָך ניט גיהערט.

ר׳ יאָקש:

איי זאטשע מוחל דאס איז נור א מילתא דבדיחותא, איהר ווערטשע ערשט גוואר פין מיר ווערן מעשה נורא, מעשים אשר לא יעשה מעולם,

ר׳ ליפמן:

איך בין נייאגיהריג צי הערין, אין וואס אייער קונסט בעשטעהט ?

ר׳ יאָקש:

עח וויל אאך א ביסלע פרציילן נור ערשט זאטשע טויזענד מאהל מוחל באלף מחילות אונד דערלאנגט מעח א לולקע

ר׳ יאָקש:

חנופה?! חס־ושלום! אַזעלכעס קער זיך מיט מיר גאָרנישט אָן. ערשט הערט־זשע אויס ווער עך בין און איר וועט כ׳לעבן חרטה האָבן, וואָס איר האָט צו מיר גערעדט אַזוינע דיבורים. איר מוזט וויסן, אַז עך בין רב יאָקש בעל־מופת פון טאָרניפּאָל. אַוודאי אַזוי ווי עך האָב געהערט פון אייך, האָט איר געהערט פון מיר. ממילא מוזט איר דאָך פאַרשטיין, אַז עך בין נישט קיין קאַטאָוועס. עך קען מאַכן זאַכן, וואָס אַזעלכעס האָט מע נאָך נישט געהערט און געזען. איי, וועט איר דאָך פרעגן: עס שטייט געשריבן יהללך זר ולא פיך, זאָל דיך לויבן אַ פרעמדער און דו זיך אַליין נישט, טאָ ווי טאָר עך מעך אַזוי רימען? נישט מער, ניין; עס שטייט געשריבן יהללך זר, דאָס מיינט מען אַ פרעמדן, וואָס קען איינעם נישט, דער מעג לויבן. דערפון איז אָבער געדרונגען, אַז אויב מע קען איינעם יאָ, דהיינו ווי איר, וואָס האָט שוין זיכער פון מיר געהערט דערציילן, דער טאָר נישט לויבן. דערפאַר האָט איר מקיים געווען דעם פסוק און האָט מעך נישט געלויבט. בין עך אויך מקיים דעם פסוק און לויב מעך טאַקעש אַליין.

ר׳ ליפּמאַן:

איצט איר מיר קלאָר וואָסאַרע פאַרשוין איר זייט. איך גלייב אייך, אַז איר קענט מאַכן זאַכן, וואָס מע האָט נאָך נישט געזען און נישט געהערט. וואָרום אַזאַ פשט האָב איך אויך נאָך זינט איך לעב נישט געהערט.

ר׳ יאָקש:

איי, זייטשע מוחל! דאָס איז נאָר אַ שטיפעריי אַזאַ. איר וועט ערשט אויף אַ רעכטן אמת געוווּיר ווערן פון מיר אַ מעשה נורא, וואָס איז זינט די וועלט איז וועלט נאָך נישט געשען.

ר׳ ליפּמאַן:

איך בין נייגעריק צו הערן אין וואָס באַשטייט אייער קונץ.

ר׳ יאָקש:

עך וויל אייך אַ ביסעלע פאַרציילן. נאָר ערשט זייטזשע טויזנט מאָל מוחל באלף מחילות און דערלאַנגט מיר אַ ליולקע

מיט טוטוהן, עח וויל אַ ביסעל רייכרען, (ר׳ ליפמן גיט איהם, ר׳ יאקש שטאפט זיך דיא פייף שנויפט טאבאק, שפוקט אין דיא שטוב, הוסט אונד זאגט) בראשון מוזט איהר וויסין ר׳ ליבלי לעבן אז בייא אונס אין טארניפאָל זענין גוועזן אן גוז־מא בוודאי צוואנציג ווייבר וואס זענין גוועזן עקרות זיא האַ־בין זייר לעבן טאהג נאך קיין קינדער געהאט, בקיצור האט מע מעח רופין גלאזט, האב עח זייא פלד א שם איין גרוימט, אונד עפיס תאקיש דרבייא אוכיד גטאהן, זענין זיא מחילה תיכף מעוברת גווארן, והי׳ יולדת ששה בכרס אחד. דיא קינדרליך זענין לעת עתה שוין גרויס, און דיא מוטר פון זיא פר שמחה אז עח זייא געהאלפין האב האבין זייא די קינדר אן גלערנט אז זייא מעח אויכיד רופין זאללן טאַטע טאַטע, וגדול המעשה יותר מן העושה.

ר׳ ליפמן:

דאס איז נאך אזויא קיין גרויס וואונדר, דאס קען מאן היר אויך טאהן, דא דער צו ברויך מאן קיין בעל שם צו זיין, נור היר טוהט דאס קיין אֶרדענטליכר מאן.

ר׳ יאָקש:

לא כל הרוצה ליטול את השם יבוא ויטול 4), נישט יעדר איי־נר קען דאס טוהן, רק עח בין ב״ה איין גרויסר ברי׳ דארין, הא חדא, נוא ווייטר הערטשע צו, איהר וויסט דאך א וודאי אז בייא אונדז אין פולין קיין משוגעים זיין, דאס איז דאך מפורסם וידוע לכל, איז מע בייא מעח גקומין און האָט מעח גבעטין בזה הלשון, ר׳ יאקש פאטר ווארום זאלן בייא אונז נישט אוכיד זיין משוגעים ולמה נגרע ווארום זאָלין מיר אַרגר זיין משאר מדינות, ולמה נהי׳ חסר משוגעים? האָב עח צו זייא גזאגט, ברידרליך עח חעל אאך העלפין, ברענג־טשע נאר לייטן בייא מעך, ויבאו אלי נגידים, סארנאטאס־קוס, פיינע בריות עד אין מספר, וואס האב עח גטאהן בין עח גגאנגין און האב איינעם מיט שמות זיין געלט אוועקט גנומן, דען אנדערן האב עח זיין וויב אוועקט גפיהרט, ביז זיא זענין פר גזירות תאקיש רעכט משוגע גווארן כדבעי למהווי. אבר איהר זאלט נישט מיינן אז עח

טוטין. עד וויל אַ ביסל רייכערן. (ר׳ ליפּמאַן גיט אים, ר׳ יאַקש שטאָפּט אָן די ליולקע, שניפּט טאַבאַק, שפּייט אויפן דיל, הוסט און זאָגט). ראשית מוזט איר וויסן ר׳ לייבעלע לעבן, אַז ביי אונדז אין טאַרניפּאָל זיינען אַוודאי אָן גוזמא געווען צוואַנציק ווייבער עקרות, וואָס האָבן זינט זיי לעבן נישט געהאַט קיין קינדער. בקיצור, האָט מע מעך געלאָזט רופן און עך האָב זיי באַלד איינגערוימט אַ שם און טאַקעש עפּעס געטאָן אויך. זיינען זיי מחילה תיכף מעוברת געוואָרן און האָבן געטראָגן צו זעקס מיט אַ מאָל. איצט זיינען די קינדערלעך שוין גרויס און די מאַמעס האָבן פּאַר גרויס שמחה, וואָס עך האָב זיי געהאָלפן, געלערנט די קינדער מעך אויך צו רופן „טאַטע־טאַטע״, אַזוי אַז די מעשה איז גרעסער ווי איר מיינט גאָר אַליין.

ר׳ ליפּמאַן:

דאָס איז גאָרנישט אַזאַ גרויס וווּנדער. דאָס קען מע דאָ אויך. צו דעם דאַרף מע גאָרנישט זיין קיין בעל־שם. נאָר דאָ ביי אונדז טוט אַזעלכעס נישט אָן אָרנטלעכער מענטש.

ר׳ יאַקש:

נישט יעדער, וואָס וויל זיך מיט אַ שם באַנוצן קען דאָס טון. אַליין עך בין דערין אַ גרויסער בריה. דאָס איז איינס. און צווייטנס ווייסט איר דאָך אַוודאי, אַז ביי אונדז אין פּוילן זיינען נישט פאַרהאַן קיין משוגעים. דאָס איז דאָך איבעראַל באַקענט. איז מע געקומען צו מיר און מעך גע־בעטן בזה הלשון: ר׳ יאַקש פּאָטער, פאַרוואָס זאָלן אויך ביי אונדז נישט זיין קיין משוגעים? פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַנדערש ווי אַלע מדינות און אויך נישט האָבן קיין משו־געים? האָב עך צו זיי געזאָגט: ברידערלעך, עך וועל אייך העלפן! ברענגטזשע נאָר לייטן צו מיר. און עס זיינען גע־קומען נגידים, קצינים, פיינע בריות אָן אַ צאָל. וואָס האָב עך געטאָן? בין עך געגאַנגען און האָב ביי איינעם מיט שמות זיין געלט צוגענומען, ביים אַנדערן דאָס ווייב פאַר־פירט, ביז זיי זיינען טאַקיש פאַר צרות משוגע געוואָרן, רעכט ווי עס קער צו זיין. איר דאַרפט אָבער נישט מיינען,

האב מיר דאס געלט בהאלטן אדער די ווייבר. חלילה וחס. הס מלהזכיר רחמנא ליצלן.

ר' ליפמן:

וואס האט איהר דען גטאהן מיט דאס געלד?

ר' יאָקש:

פאַר דאס געלד האב עח גמאכט א דבר טוב, עח האב גלאזט אללע נאכט ליכט ברענין בייא דען בית המקוה, כדי מע זאָל קענין זעהן ווער א פרומע יידנע איז, אויב זיא האלט הילכות טבילה און גייט ארייגעט, ווארום מע האט גזאגט אז זענין ווייברליך פרהאנדן דיא נישט מדקדק זענין דרויף.

ר' ליפמן:

וואס האַט איהר גטוהן מיט דיא ווייבר,

ר' יאָקש:

דיא ווייבר פארשטייט איהר זענין שוין תאקיש אלטי ווייבר, זיא זענין שוין נישט מעהר ראוי לאותו דבר, חדל מאתם אורח כנשים, ולא תהו בראה לשבת יצרה 5), וואס טוהט מע מיט דיא שלומעזאלנאצעס? האב עח גמאכט א גט צווישן זייא, און האב גלאזט בויאן א בית הנשים, דא קענין זיא זיטצן 'ביז צים שווארצן יאָהר, נוא איז דאס נישט א דבר טוב?

ר' ליפמן:

א שיין דבר טוב, הערט אמאהל מיין פריינד, איהר זייט איי בעל שם, 'דאס איהר מעגט גיין לשם שדים און פאקט איין אויס מיין הויז, אדער איך ווער אייך לאָזען ארויס שמייסען דאס איהר האלז אונד לייב צו ברעכט, איהר שורק!

ר' יאָקש:

וואָס זאגט איהר, שורק? ווילט איהר מיט מעח א"ב לערני מיט אזויא א מושלם וויא עח בין, דייטשקראפ איינר!

אַז עך האָב דאָס געלט צי גאָר די ווייבער פאַר מיר גענו־
מען. חלילה וחס; באַהיט זאָל מען ווערן.

ר׳ ליפּמאַן:

וואָס האָט איר געטאָן מיטן געלט?

ר׳ יאָקש:

פאַרן געלט האָב עך פאַרריכט אַ דבר טוב. עך האָב אַלע
נאַכט פאַר דער מקווה געלאָזט ברענען אַ ליכטל, כדי מע
זאָל קענען זען ווער עס איז אַ פרומע יידענע, צי זי האַלט
הלכות טבילה און טוקט זיך אונטער, וואָרום מע האָט גע־
זאָגט, אַז עס זיינען פאַרהאַן ווייבערלעך, וואָס זיינען דע־
רויף נישט מדקדק.

ר׳ ליפּמאַן:

וואָס האָט איר געטאָן מיט די ווייבער?

ר׳ יאָקש:

די ווייבער זיינען שוין געווען אַלטע ווייבער און נישט
געטויגט פאַר זייער זאַך. עס שטייט דאָך אָבער געשריבן,
אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפן צום באַווינען און נישט
אַז זי זאָל פוסטעווען. טאָ וואָס טוט מען מיט די שלימאַזאַלני־
צעס? האָב איך זיי געלאָזט אָפּגטן און אויסגעבויט אַ בית־
הנשים, אַ הויז פאַר אַלטע ווייבער. נו, איז דאָס נישט אַ
דבר טוב?

ר׳ ליפּמאַן:

אַ שיינער דבר טוב. הערט מיך אויס מיין פריינד: איר זייט
אַ בעל שם, אַז איר מעגט גיין לשם שדים, צו אַלדי טייוול
און פּאַקט זיך אַרויס פון מיין הויז, אַנדערש לאָז איך אייך
פון דאַ אַרויסשמייסן, אַז איר וועט צעברעכן האַלדז און
נאַקן, איר שורק!

ר׳ יאָקש:

וואָס זאָגט איר שורק? איר ווילט אפשר מיט אַזאַ למדן און
מושלם ווי עך לערנען אלף־בית? איר דייטשקראַפּ איינער!

ר׳ ליפמן:

אפשר קענט איהר קיין א״ב אויך ניט, איהר עם הארץ, מיינט איהר די אשכנזים אויך משוגע צו מאַכין? איהר לומפר הונד. שערט אייך פאַרט!

ר׳ יאַקש:

וואָס? שעהרן זאָל עח מעח מיין באָהרט? עח בין קיין אשכנז ממזר נישט, מיין זקן שגדל בחכמה דעם אפעט שערין, נישט דר לעבין זאָללין דאָס מיינע שונאים.

ר׳ ליפמן:

איהר מוסט אייער באהרט האַלטין, דא מיט מאן זאָגין זאָל אם חכמה אין בכאן, זקנה יש כאן 6), אבער איין אשכנז דער איז קיין נאַר, דער לאַסט זיך ניט נאַרען, דער האָט אין אמת קיין באָהרט ניטיג, גייט איהר עמלק, בחינם שטיט ניט בייא עמלק יקש לץ לחרף (?), וואָרום אַזויא יאקש איז אויך איין עמלק ימח שמו!

ר׳ יאַקש:

איין עבירה וואָס מע איז דורש טוב אוף אַ דייטש, אַ רוח אין אַללע דייטשע אריינעט, ממזרים, גנבים, פיעחצעס, רובניקעס, קאטשלאפעס, וואָרטשע נור עח עח ווער אַקוק אויף אַאך געבין אַ שוין אויז... (גייט אַוועק. וויא ער אין די טיהר קומט טרעפט ער ליפקא יענטעס)

ליפקאַ יענטש:

(האַלט איהם אָן אונד שרייאט) האַ, ממזר איינר, האָב עח דעח אַמאָהל גטראפין! אוי ווייא איבר דיר געשריהגן, האָסט דוא מעח גלאָזט זיטצן פרשוואָרצרהייט אין פולין און ביסט אין אשכנז אַריינעט גגאַנגין, האָסט מעח גוועלט לאָזן זיטצן פר איין עגונה, אָבר הש״י דער האָט מיין צער פר זיך גנומן און איז אין מיי הילף גוועז אז עח דעח קיעפ גפונן האָב.

ר׳ יאַקש:

(שטיט דער שוראָקן) אָח... איז דיא יידנע משוגע? וועלכר

ר' ליפּמאַן:

אפשר קענט איר קיין אלף־בית אויך נישט, איר עם־הארץ. מיינט איר די אשכנזים אויך משוגע צו מאַכן? איר לומפּער הונט! שערט אייך פאַרט!

ר' יאָקש:

וואָס? שערן זאָל עך מיר מיין באָרד? עך בין נישט קיין אשכנז ממזר. מיין באָרד, וואָס איז געוואַקסן אין חכמה זאָל עך גאָר אָפּשערן? נישט דערלעבן זאָלן דאָס מיינע שונאים!

ר' ליפּמאַן:

איר באַהאַלט אייך אייער באָרד, אַזוי אַז מע זאָל קענען זאָגן אויב עס איז נישטאָ קיין חכמה איז כאָטש דאָ אַ באָרד. אָבער אַן אשכנז איז נישט קיין נאַר און לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן. דערפאַר האָט ער קיין באָרד נישט נייטיק. גייט איר עמלק! נישט בחינם שטייט געשריבן ביי עמלק: יקש לץ לחרף, וואָרום אַזאַ יאָקש ווי איר איז אויך אַן עמלק ימח שמו!

ר' יאָקש:

אַן עברה, וואָס מע רעדט נאָך אַ גוט וואָרט אויף אַ דייטש. אַ רוח אין אַלע דייטשן אַריין. ממזרים, גנבים, פּיעצכעס, רובניקעס, קאַטשלאַפּעס. וואָרט־זשע נאַר... עך... עך וועל נאָר אַ קוק טון אויף אייך... און שוין אויס... (גייט אַוועק און ווי ער קומט צו דער טיר טרעפט ער ליפּקע יענטעס).

ליפּקע יענטעס:

(האַלט אים אָן און שרייט) הא, ממזר איינער, דאָס מאָל האָב עך דעך געטראָפן. אוי ווי דיר געשריגן. האָסט מעך געלאָזט זיצן אין פּוילן פאַרשוואַרצטערהייט און ביסט אַנט־קומען קיין אשכנז. האָסט מעך געוואָלט לאָזן זיצן אַן עגונה. השם יתברך האָט זיך אָבער מיין צער אָנגענומען און איז אין מיין הילף געווען, אַז עך זאָל דעך צוריקגעפינען, קיעפּ איינער!

ר' יאָקש:

(שטייט אַ דערשראָקענער) אך... די יידענע איז משוגע!

שוואַרטצי יאָהר איז דאָס? עח האָב אַאַך מיי לעבין טאָהג נישט גזעהן, און לאָזט מעח גמאַכט, אָדער עח חעל אַאַך אַ יאָהק אין די קישקיש אַריינעט געבין (וויל פאָרט געהן)

ליפקאַ יענטש:

(שלעפט איהם צו ר׳ ליפמן וועלכר דיא גאַנצע סעהנע גנויא בעאָבאַכטעט האָט אונד זאָגט צו ר׳ ליפמן) האַרשע לעבין, פּאַטר לעבין, העלפטשע מיר פון דען רע טמא, דאָס הייסט אַ פושע ישראל, ער לייקענט נאָך (צו ר׳ יאקש) וואָס? ביסט דוא ניט יאקש גנב, אחברוש איינר, האַ דוא מיינסט אפשר מעח אוכיד מרמה צו זיין וויא דוא דען גאַנצין עולם טוהסט? אַ דאַ זייא תיכף מודה פר דען ליבען ייד דאַ אַז עח בין דיין וויב ליפקא יענטש, אָדער עח חעל דיר אַן אהג אויסגראַהבלען און אַללע צייאַן אויס דיין מויל אויס־ ברעכען.

ר׳ ליפמן:

נור מיושב ליבע פרויא, מאַן ברויך אַזויא קיין לערים צו מאַכין. ערצעהל זיא מיר אַללעס דייטליך וואָס אייגענטליך איהר פרלאַנגין איזט, זאַ ווערדע איך איהר זיכר בהילפליך זיין וואָס מעגליך איז.

ליפקאַ יענטש:

עח האָב מורא דער ממזר בן הנדה ווערט אַנטלויפן, וואָהרום איהר ווייסט גאַר נישט וואַ דאָס פר אַ נבילה סרוחה איז.

ר׳ ליפמן:

איך בין שאָהן פרהער איברצייגט געוואָרדן וואָס דאָס פר איין בטריגר איזט (צו ר׳ יאָקש) איהר ווערט אייך ניט אונטר שטין אַוועק צו גיין ביז איהר מיט אייער וויב פטור זייט.

ר׳ יאָקש:

וואָס וויב? אַ רוח אין איהר לייב! עח קען איהר פאַק נישט און גנוג ונוסף על זה וואָס גייט דאָס אַאַך אָן? איהר האָט מעח פאַרטיג געהייסן גיין, נוא וויל עח תאַקיש גיין. גוט

וועלכער שוואַרץ־יאָר איז דאָס? עך האָב אייך זינט מיין לעבנס־טאָג נישט געזען און לאָזט מעך געמאַך... אָדער עך וועל אייך אַ יאָג טאָן אין די קישקעס אַריין... (וויל אַוועק גיין)

ליפקע יענטעס:

(שלעפּט אים צו ר׳ ליפּמאַנען, וואָס באַטראַכט גענוי די גאַנצע סצענע און זאָגט צו אים) **האַרשי לעבן! פאָטער לעבן! העלפט־זשע מיר פון דעם רע־טמא! דאָס הייסט פון דעם פּושע־ישראל! ער וויל נאָך לייקענען.** (צו ר׳ יאָקש) **ביסטו אפשר נישט יאָקש גנב, אכבעראַש איינער? וואָס? האָ, דו מיינסט אפשר מעך אויך צו גענאַרן ווי דעם גאַנצן עולם? א דאָ, זיי תיכף מודה פאַר דעם ליבן ייד דאָ, אַז עך בין דיין ווייב ליפקא יענטעש אָדער עך וועל דיר אַן אויג אויסגראַבלען און אויסהאַקן אַלע ציין פון מויל.**

ר׳ ליפּמאַן:

נור געלאַסן, מיושב, ליבע פרוי, אָן טומל. זאָגט מיר נאָר קלאָר און דייטלעך, וואָס איר פאַרלאַנגט און איך וועל אייך זיכער מיט אַלעם מעגלעכן בייהילפיק זיין.

ליפקע יענטעס:

עך האָב מורא, אַז דער ממזר בן הנידה וועט אַנטלויפן, וואָרום איר ווייסט גאָרנישט וואָסאַרע נבלה סרוחה דאָס איז.

ר׳ ליפּמאַן:

איך האָב שוין פריער איינגעזען וואָסאַרע שווינדלער דאָס איז (צו ר׳ יאָקש) איר וועט זיך נישט אונטערשטיין פון דאַנען אַוועק צו גיין ביז איר וועט גטן אייער ווייב.

ר׳ יאָקש:

וואָס ווייב?! אַ רוח אין איר לייב. עך קען איר פאָרט נישט און גענוג. אַחוץ דעם, וואָס גייט דאָס אייך אָן? איר האָט מעך אָקערשט געהייסן גיין, נו, וועל עך טאַקיש גיין. אַ

נאַבענד ר׳ ליבלי, גוט נאַבענד איהר יידנע (וויל פאָרט גיין)

ר׳ ליפּמן:

(נעמט איהם בייא דען אַרם אונד פיהרט איהם צוריק) **איהר** זעלט דאָ בלייבן זאָהג איך אייך.

ר׳ יאָקש:

אַללע בייזע חלומות זאללין צי מיין שונאים קעפּ אויסגיין. עח מעכט גערן וויסען וואָס איהר וועלט? דאָ קאָן מע זעהן וואָס אַ דייטש איז, אַז ער נור קוקט אַ נקבה חאָדשי׳ אַ פּולישע תיכף איז ער זיך מוסר נפש איהרנט וועגן.

ר׳ ליפּמן:

האַלט עס מויל איהר גראָבער קערל, ווילט איהר אַנטוואָרט געבין הרי טוב ואם לאו ווער איך אייך מוסר זיין ביד גוים, וואָרום היר איז אשכנז מוזט איהר וויססען.

ר׳ יאָקש:

דאָס ווייס איך, מר 7) די קשה איז וואָס ברויכט איהר מעה מוסר צו זיין ביד גוים, עח בין דאָך שוינט דאָ אוכיד בייא איין גוי, וואָרום סתם אשכנז איז אַ גוי, ואע״פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר, וואָרום אשכנז מאַכט, אַנשים, שפילים, כלבים, נואפים, זוללים. און שתי׳ איז בכלל אכילה במילא האָט איהר אַללע מעלות, נוא וויא קען איך שוין ארגער זיין אַז בייא אַאַך.

ר׳ ליפּמן:

זאָגט וואָס איהר וועלט אויף דיא אשכנזים, אשכנז בלייבט אשכנז אונד איהר בלייבט איין נבילה (צו ליפקא יענטש) נון קענט איהר זאָגין אייער פרלאַנגן.

ר׳ יאָקש:

און עח העל זאָגין מ יי ן פרלאַנגין.

יענטש:

אין וואָס חלאַבאַנק בשטייט דיין פרלאַנגן?

---

7) נאַר.

גוטן אָוונט ר׳ לייבעלע, אַ גוטן אָוונט איר יידענע. (וויל אַוועק גיין).

ר׳ ליפּמאַן:

(נעמט אים אָן ביים אָרעם און פירט אים צוריק) **איר זאָלט דאָ בלייבן, זאָג איך אייך.**

ר׳ יאָקש:

אַלע בייזע חלומות זאָלן אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ! כ׳וואָלט גערן וועלן וויסן, וואָס איר ווילט אַזוינס? איצט קען מע זען וואָס אַ דייטש איז. ווי באַלד ער דערזעט נאָר אַ נקבה, כאָטש אַ פּוילישע, איז ער זיך תיכף מוסר נפש צוליב איר.

ר׳ ליפּמאַן:

האַלט ס׳מויל, גראָבער יונג. ווילט איר ענטפערן איז הרי טוב, אויב נישט, וועל איך אייך איבערענטפערן אין גוייִשע הענט. וואָרום איר מוזט וויסן, אַז דאָ איז אשכנז.

ר׳ יאָקש:

דאָס ווייס איך. די קשיא איז נאָר צו וואָס דאַרפט איר מעך איבערענטפערן אין גוייִשע הענט, אַז עך בין דאָך שוין סייווי ביי אַ גוי. וואָרום סתם אשכנז איז אַ גוי. און כאָטש עס איז דערויף נישט פאַרהאַן קיין ראיה, איז אָבער אַ סימן יאָ דאָ. וואָרום אשכנז מאַכט: אנשים, שפלים, כלבים, נואפים, זוללים. **און זויפן איז דאָך בכלל אכילה במילא האָט איר אַלע מעלות. נו, ווי קען שוין זיין ערגער ווי ביי אייך?**

ר׳ ליפּמאַן:

זאָגט אויף די אשכנזים וואָס איר ווילט. אשכנז בלייבט אשכנז און איר בלייבט אַ נבלה. (צו ליפקע יענטעס) **איצט קענט איר זאָגן אייער פאַרלאַנגען.**

ר׳ יאָקש:

און עך וועל זאָגן מיין פאַרלאַנגען.

ליפּקע יענטעס:

אין וואָס, כלאַבאַנק, באַשטייט דאָס דיין פאַרלאַנגען?

ר׳ יאָקש:

עס איז מיין פרלאַנגן, אַז איהר זאָלט חאדשי ווערן אויף דעם גאלגין גיהאנגין, אַ נייאע גזירה, וואו ווערט מען ענקר פטור?

יענטש:

דוא האָסט דעת פר אַ טריפה בעל שם אויזגעבין, מאַך מיט שמות אַז אַ רוח זאָל אין דיר אַריינעט פליגען. וויא? דוא מיינסט אפשר עח וויס דיין מעשים נישט? עח האָב שוין געהיירט אַללער ועגין וואו דוא ביסט גוועזן וואָס פר אַ זאַכין דוא גטאָהן האָסט. אַז דוא האָסט גזאָגט דוא ביסט אַ בעל שם, (צו ר׳ ליפמן) פאַטירלעבין איהר וייסט גאָרנישט וואָ דאָס פר אַ משומד איז, און עח בעהט זייר אייער כבוד אַז אירשע זאָלט מאַכן אַז ער מיהר גט גיבט און ווייטר לאָז ער גיין חאדשי אין דיא שאול תחתי׳, דער רשע וואָס דען גאַנצן עולם נאָרט, איהר קויפט אַאך חלק לעולם הבא, וואָ־רום קיין גרעסרי מצוה איז שוין נישט פרהאַנדין אויף דען עולם אַ וויא דאָ אַ פירד צו מאַכן, אוי וויי! ווערט עח גור איין אלמנה גבליבן און העט דעת נישט דערקאַנט.

ר׳ ליפמן:

הערט אַמאָהל קארץ אונדז שאַרף מאַכט קיין לאַנגי פאקסין אונד זייט מודה, וואָרום וועט ניט? שוועהר איך אייך על הימנותי שלי דאַז איהר ווערט איין בייזען סוף האָבען, אונד איך ווער עס מפרסם זיין בפני רבים אונד מאַן ווערט אייך מחרים זיין.

ליפקא יענטש:

האַרשע לעבין! אה זעהט, דאָ האָב עח נאָך די כתובה בייא מיר פון איהם (נעמט דיא כתובה אַרויס) לייאנט.

ר׳ ליפמן:

(לייאנט דיא כתובה) נון, וואו ברויך מאַן גרעסרי בווייזען?

ר׳ יאָקש:

פוואַליע, פוואַליע! יענטשקי הערשי צו, את חטאי אַני מזכיר, עח האָב דעת נעבעך מצער גוועזן און האָב זייר

ר׳ יאָקש:

מיין פאַרלאַנגען איז, אַז מע זאָל אייך כאַטש אויף דער תלייה הענגען. אַ נייע גזרה. ווי ווערט מען ענקער פּטור?

ליפּקע יענטעס:

דו האָסט דעך אויסגעגעבן פאַר אַ טרפהנעם בעל־שם, טאַ מאַך איצט מיט דיינע הייליקע שמות, אַז אַ רוח זאָל אין דיר אַריין. ווי? דו מיינסט אפשר, אַז עך ווייס נישט פון דיינע מעשים? איבעראַל, וווּ דו ביסט נאָר געווען האָב עך שוין געהערט, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן. אַ בעל־שם ביסטו? (צו ר׳ ליפּמאַנען) איר ווייסט גאָרנישט סאַראַ משומד דאָס איז. כ׳בעט זייער אייער כבוד איר זאָלט זען, אַז ער זאָל מיר געבן אַ גט און פאַר די רעשט לאָז ער כאַטש גיין אין שאול־תחתייה, דער רשע, וואָס נאַרט אָפּ אַ גאַנצע וועלט. איר וועט אייך איינקויפן אַ חלק לעולם הבא, ווייל קיין גרעסערע מצווה איז דאָך זיכער נישטאָ ווי ברענגען צו אַ גט. אוי ווי! הלוואי וואָלט עך פאַרבליבן אַן אלמנה און דעך נישט דערקענט.

ר׳ ליפּמאַן:

הערט אויס, אָבער קורץ און שאַרף און מאַכט נישט קיין לאַנגע פאַקסן. זייט זיך מודה, וואָרום אויב נישט, שווער איך אייך ביי מיין נאמנות, אַז איר וועט האָבן אַ בייזן סוף. איך וועל עס מפרסם זיין עפנטלעך און מע וועט אייך אַריינלייגן אין חרם.

ליפּקע יענטעס:

האַרשי לעבן, זעט, אָ דאָ האָב עך נאָך ביי מיר די כתובה פון אים (נעמט אַרויס די כתובה) לייענט!

ר׳ ליפּמאַן:

(לייענט די כתובה) נו, ברויכט מע נאָך בעסערע באַווייזן?

ר׳ יאָקש:

פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, הערזשע צו יענטעשקע. את חטאי אני מזכיר. היינט דערמאָן עך אַלע מיינע זינד. עך האָב דעך נעבעך מצער געווען און אַ סך שלעכטס געטאָן. נו, הייסט עס אַז דו ווילסט גט? אָט ר׳ לייבעלע, עך ווע̇ל איר גט

שלעכט אַן ד'יר גטאַהן. נוא דוא ווילסט גט? אד ר' ליבלי עח ווער גט געבין. רק קיין כתובה קאַן עח דעח נישט געבין מפני כמה טעמים. בראשון, האַב עח קיין געלד, בשנית, מוז עח זאָרגין אַז עח זאָל האַבין צו געבין אַ כתובה אַן איין אַנדר ווייב, בשלישית, טאָהר עח נישט עובר זיין אויף מיין טאַטעס צוואה, וואָרום מיין טאַטע האַט גהאַט זעקס ווייבער גט גגעבן און האַט זיא קיין מאָהל קיין כתובה געבין, אַזויא האַט ער מעח מצווה גוועז לפני מותו און האַט גזאָגט: בני, מיין זוהן, טוא וויא עח גטאָהן האַב, ווען עח'דיין מאמא און דיא אַנדרי ווייבר דיא עח גהאַט האַב גט האַב געבין, האָבן זייא גאַט גדאַנקט אַז זיא זענין מיינר פטור גוואָרן און האָב זיא קיין כתובה געבין אַז הש"י דעה מזכה וועט זיין אַז דוא אוכיד אי"ה דראָן האַלטן וועסט, טוא אוכיד אַזויא. נוא מצווה לקיים דברי המת. במילא אד זאָג, ביסט דוא צו פרידן, הרי טוב, ואם לאו, האַב עח קיין ברירה, און מוז דעח, גאָט זאָל עס זיין גקלאָגט האַלטן, ביז זיך הש"י וועט איבר דיר מרחם זיין און וועט דיך פון דען עולם אַוועקט נעמין, דען איז זייר גוט פרשפאָהרסט דוא גט צו נעמן און עח אַ כתובה צו געבין.

יענטש:

גנב איינער! שילטען טוהסט דוא אוכיד נאָך?

ר' יאָקש:

איי דאָס איז קיין שילטן, אַז איך זאָהג דוא זאָלסט אַ כפרה ווערין, עס שטייט דאָך אין שלטון ביום המות 8), במילא וויא קאָן דאָס זיין גשאָלטין, עח זאָג דאָס דיר לטובה.

יענטש:

און ווען וועסט מיין כפרה, פערשפאָהר איך אויך אַ גט צו נעמען און דוא אַ כתובה, נור דוא פייגערסט נאָך אַזויא גשווינד נישט, מע זאָגט אין אשכנז וואָס אַן גאלגין גהערט, פרזויפטשע נישט, במילא וויל עח טאָהן וויא דיין מאַמע גטאָהן האָט און וויל קיין כתובה האָבן רק מאָך מיר פטור.

געבן. רק אַ כתובה נישט און דאָס צוליב כמה טעמים. ערשטנס, האָב עך קיין געלט נישט. צווייטנס, מוז עך זאָרגן, אַז עך זאָל האָבן צו געבן אַ כתובה אַן אַנדער ווייב. דריטנס, טאָר עך נישט עובר זיין אויף מיין טאַטנס צוואה. וואָרום מיין טאַטע האָט אָפּגעגט זעקס ווייבער און זיי קיינמאָל קיין כתובה נישט געגעבן. פאַר זיין טויט האָט ער געלאָזט אַ צוואה און מיר געזאָגט אַזוי: בני, מיין זון! טו ווי עך האָב געטאָן. ווען עך האָב אָפּגעגט דיין מאַמען און די אַנ־דערע ווייבער, האָבן זיי גאָט געדאַנקט, אַז זיי זיינען מיינע פּטור געוואָרן און עך האָב זיי קיין כתובה נישט געגעבן. און אַז השם־יתברך וועט דעך מזכה זיין און דו וועסט אויך אַזוי ווייט האַלטן, זאָלסטו אויך אַזוי טון. נו, איז דאָך אַ מצווה מקיים צו זיין דברי המת. במילא זאָג, ביסטו צופרידן — הרי טוב, אויב נישט, בלייבט ביי מיר נישט קיין אַנדערע ברירה, ווי ביטער און טרויעריק עס זאָל נישט זיין, די זאַך אַזוי צו לאָזן ביז השם־יתברך וועט זיך איבער דיר דערבאַ־רימען און וועט דיך פון דער וועלט אַוועקנעמען. דאָס וואָלט גוט געווען, ווייל דו וואָלסט פאַרשפּאָרט צו נעמען אַ גט און עך אַ כתובה צו געבן.

ליפקע יענטעס:

גנב איינער, שילטן טוסטו נאָך אויכעט?

ר׳ ליפּמאַן:

איי, דאָס הייסט נישט שילטן ווען עך זאָג, אַז דו זאָלסט ווערן די כפרה, ווייל עס שטייט געשריבן אין שלטון ביום המות. ממילא ווי קאָן דאָס זיין געשאָלטן? עך זאָג דאָס נאָר דיר לטובה.

ליפקע יענטעס:

און ווען דו ווערסט אַזוי מיין כפרה, פאַרשפּאָר עך אויך אַ גט צו נעמען און דו מיר אַ כתובה געבן. נאָר דו פייגערסט נאָך נישט אַזוי געשווינט. ווי זאָגט מען אין אשכנז? וואָס עס געהער צו דער תלייה, פאַרזויפּט נישט. במילא וועל עך טון ווי דיין מאַמע האָט געטאָן און וויל קיין כתובה נישט. רק גט מיך אָפּ.

ר׳ יאָקש:

זייר גערן. אַך לעבין זייר גוהט (צו ר׳ ליפּמן) ר׳ ליבלי זייטשע מיר מוחל וואָס עח האָב אַאַך פאַרטיג גרעט? וואָרום היינט איז ערב יום כיפור מוז מע איינעם מחילה בעטין.

ר׳ ליפּמן:

וויא אַזויא איז היינט ערב יום כיפור?

ר׳ יאָקש:

וואשע טוהט מע אַן עי״כ? שלאָגט מע כפּרות. און עח שלאָק מיין ווייב היינט אוכיד פר אַ כפּרה און ווער איהר זייר בכבוד פּטור. נוא ר׳ ליבלי עח בעהט אַאַך זעהטשע אונדז צו פטרן און לאָזט דען סופר רופן רק אַ סוף.

ר׳ ליפּמן:

גייטס יעצט אַוועק, איך ווער דערווייל אַללעס אין אָרדנונג מאַכן.

ר׳ יאָקש:

נוא, קומשי, קומשי, מיין שטיקעלע ווייב נאָך לפי שעה.

יענטש:

נוא, גיא דוא נור ערהשט, עח וועל דעח גערן נאָך גיין.

ר׳ יאָקש:

עח גייא שוין, אַ גוטען אבענד.

יענטש:

האָט אַאַך אַ גוטען אבענד.

ר׳ יאקש אונד יענטש געהן אָפּ

4־טער אויף טריט

ר׳ ליפּמן אַלליין

ר׳ ליפּמן:

ב״ה דאָס איין ביסכע מנוחה האָב, מיין קאָפּף טוהט מיר וועה פון דאָס לערם. איך האָב מיר דאָ מיין צייט פּול־בראַכט, איך מוז גיין מיין גשעפטע פררי‌כטן (געהט אב).

ענדע דעם עהרסטען אויף צוג.

ר׳ יאָקש:

זייער גערן. כ׳לעבן, זייער גוט (צו ר׳ ליפּמאַנען) ר׳ לייבעלע, זייטזשע מוחל, וואָס עך האָב אייך געדולט אַ מוח. וואָרום היינט איז ערב יום־כיפור, מוז מע מחילה בעטן.

ר׳ ליפּמאַן:

ווי אַזוי איז היינט ערב יום־כיפור?

ר׳ יאָקש:

וואָס־זשע טוט מען ערב יום־כיפור? מע שלאָגט כפּרות. און עך שלאָג היינט מיין ווייב אויכעט פּאַר אַ כפּרה און ווער מיט גרויס כבוד אירע פּטור. נו, ר׳ לייבעלע, כ׳בעט אייך, זעט אונדז צו גטן און לאָזט רופן דעם סופר. אַבי אַ סוף.

ר׳ ליפּמאַן:

גייט איצט אַוועק און אין צווישן וועל איך אַלעס גרייט מאַכן.

ר׳ יאָקש:

נו, קום־זשע, קום־זשע, מיין שטיקעלע ווייב נאָך לעת־עתה.

ליפּקע יענטעס:

נו, גיי דו נאָר ערשט. עך וויל דיר גערן נאָכגיין.

ר׳ יאָקש:

עך גיי שוין, גוטן אָוונט.

ליפּקע יענטעס:

האָט אייך אַ גוטן אָוונט.

(ר׳ יאָקש און ליפּקע יענטעס גייען אַוועק).

פּערטער אויפטריט.

ר׳ ליפּמאַן:

(אַליין). ברוך־השם אַ ביסל מנוחה. דער קאָפּ טוט מיר שוין ווי פון דעם ליאַרעם. איך האָב דאָ מיין צייט געפּטרט און מוז גיין זיך אַרומקוקן אויף מיינע געשעפטן. (גייט אַוועק).

סוף פון ערשטן אַקט.

צווייטער אויף צוג

עהרסטער אויף טריט

ירושלמי, קרני פרה, נאכהער ר׳ ליפמאַן

ירושלמי :

אין איש בביתו, קאן איך מיט דיר דייטש רידן, עז הערט אונז קיינר דאַך ניכט? וואָס זאָל מאַן טוהן, מאַן מוז זיך פר דען עולם פרשטעללין, זונשט קען מאַן קיין געלד מאַכן, טיימערל מיין ליבעס קינד! וואָרום ביסט דוא אַזויא טרויריג? האָב איך דיך עטוואס בעליידעגט זאָגע מיר עס.

קרני פרה :

איך פיל אייך די וואָהרהייט סאָגין, איך האָבע קרויסע קומער טאָס איך האָבע מאַיי פאַדערס הויז פרלאָססע אונד מוס מיך מיט אייך אָרום דרייבע אונד וואַר איי משורת אויזגעבין, פעהר פייס פיא סיך מאַיי עדי קרעמין פערט אום זיין איינציקע טאָכטער, אויף טער ער סיינע אפנונג קעסעצט האָט אונד איך האָבע סויא שלעכט קעהאַנטעלט און איהם פערלאָססע, פאָלטע קאָט סיא פערע ניט פייא אונס קאממען, סא האָבען סיא מיך, און מייא אָרמען פאַדער אום קליקליך קעמאַכט.

ירושלמי :

ביסט דוא משוגע טיימערעל? וואָס פעלט דיר איין? זאָג מיר וואָס גייט דיר אב? דוא האָסט עס בייא מיר פיל בעסיר אַלס בייא דיין ארמר פאטער דער אין איין קליין שטעהדכי חזן איז אונד גנוג פר זיך אַלליין צו זאָרגן האָט, גלויבע מיר ער וועט גאָט דאַנקע דאָס ער דיינר פטור איזט.

קרני פרה :

פיא? טענקען סיא טאָס אַללע מענשין סאָלכי שלעכטי קאָראַקטערס פעסיטצען אַלס פיא איהר? איהר פעדריהגט

צווייטער אַקט

ערשטער אויפטריט

ירושלמי, קרני־פּרה, דערנאָך ר׳ ליפּמאַן

ירושלמי:

אין איש בביתו, איז קיינער נישטאָ אין שטוב? קען איך מיט דיר טייטש רעדן. עס הערט דאָך אונדז קיינער נישט? וואָס זאָל מע טון, מע מוז זיך פאַרן עולם פארשטעלן. אַנדערש, טעמערל מיין ליב קינד, קען מען קיין געלט נישט מאַכן! פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? זאָג מיר, האָב איך דיך מיט עפּעס באַליידיקט?

קרני־פּרה:

איך וויל אייך זאָגן דעם אמת. איך האָב גרויס ערגערניש, וואָס כ׳האָב פאַרלאָזט מיין פאָטערס הויז און מוז זיך מיט אייך אַרומשלעפּן און אויסגעבן פאַר אַ משרת. ווער ווייסט ווי דער טאַטע איז זיך מצער צוליב זיין איינציקער טאָכטער, אויף וועמען ער האָט געלייגט זיין האָפענונג; און איך האָב אַזוי שלעכט געטאָן און אים פאַרלאָזט. הלוואי וואָלט איר צו אונדז נישט געקומען. איצט האָב איך מיך און מיין אָרעמען פאָטער אומגליקלעך געמאַכט.

ירושלמי:

ביסטו משוגע טעמערל? וואָס פאַלט דיר גאָר איין? זאָג מיר, וואָס גייט דיך אָן? ביי מיר איז דיר אַ סך בעסער ווי ביי דיין אָרעמען טאַטן דעם קליינשטעטלדיקן חזן, וואָס האָט געבוגט זאָרגן זיך אַליין אויסצוהאַלטן. גלייב מיר, ער דאַנקט גאָט וואָס ער איז דיינע פּטור.

קרני־פּרה:

וואָס?! איר מיינט, אַז אַלע מענטשן האָבן אַזאַ שלעכטן כאַ־ראַקטער ווי איר? איר גענאַרט אָפּ דעם עולם און גיט זיך

4

דען עולם אונד סאַהגט איהר סייט אַ ירושלמי אונד איך ארמעס מעדכי מוז פייא אייך דיא ראללע שפיהלן אַלס משורת, אַבער איך פין עס שוינט מיהדע, מייא אנטשלוס איס אַללעס צו ענטדעקקין, פאַרום מייא קעפּיססע טריקט מיר סעהר און איך פיל ניט לענגר פייא טראַקע דען עולם צו פעטריהגע.

ירושלמי :

אום גאָטטעס ווילּלע, בעדענקע דאָך וויא אונגליקליך דוא מיך אונד דיך מאַכסט, ווען דוא דען בעטרוג אפען באהרסט. האָב איך דאָס אן דיר פרדיהנט? דא דוא דאָך אַללעס וואָס דוא פרלאַנגסט בייא מיר האָסט אונד ווען דוא דיך בלאָס נור אייניגע וואָכען נאָך געדולדעסט, זא זיין מיר אויף אימּמער גליקליך, דאַן געהן מיר נאָך שלעסיען אין מיין געליהבטעס פאטערלאַנד צוריק אונד דוא ווירסט מיין פרויא אונד דאַן ווערפען מיר איין שלייער אויף דען יעצי־גען לעבינס־אַרט אונד לעבין אין הייזליכער גליקזעליקייט.

קרני פרה :

מייא ענדשלוס איז קעמאַכט, עס ליגט מיר סענדר שוועהר אויף דאָס הערץ אונד נימאהלס סאָלט איהר מייא האַנד גריגע, טאָס שוועהר איך אייך אונד נאָך יעטצט סאָל אַללע פעטרוג אָפענבאהרט ווערין.

ירושלמי :

דוא קאַנאַליע האָלט עס מויל זאָג איך דיר, אָדער בין דיר ממית אויף דען שטעל.

קרני פרה :

(שרייאט) העלפט מיר אָטער איך פין פערלאָרע.

ר׳ ליפמן :

(קומט געשווינד אריין) וואָס איז דאָ פר איין שפעקטאַקעל,

ירושלמי :

יש לי סכסוך קטן ביני ובין המשרת שלי (ווינקט דען משרת צו שווייגען).

אויס פּאַר אַ ירושלמי און איך אָרעם מיידל מוז ביי אייך שפּילן די ראָל פון אַ משרת. אָבער איך בין שוין דערפון מיד און האָב באַשלאָסן אַלעס אויף צו דעקן, וואָרום מיין געוויסן פּלאָגט מיך שטאַרק און איך וויל נישט לענגער העלפן דעם עולם באַשווינדלען.

ירושלמי:

אין גאָטס ווילן! פּאַרטראַכט זיך דאָך ווי אומגליקלעך דו מאַכסט דיך און מיך, אויב דו וועסט אויפדעקן דעם שווינדל. האָב איך מיר דאָס ביי דיר פאַרדינט? דו האָסט דאָך ביי מיר אַלעס, וואָס דו פאַרלאַנגסט נאָר; און אויב דו וועסט נאָך האָבן עטלעכע וואָכן געדולד, וועלן מיר אויף שטענדיק גליקלעך זיין. מיר וועלן צוריק גיין קיין שלעזיע, אין מיין געליבטן פאָטערלאַנד, דו וועסט ווערן מיין פרוי, מיר׳ן צו־דעקן מיט אַ שלייער אונדזער הייגטיקן לעבנס־שטייגער און פאַרברענגען אין היימישער גליקזעליקייט.

קרני־פּרה:

איך האָב גענומען מיין באַשלוס. אַלעס דריקט מיר שווער אויפן האַרצן. מיין האַנט וועט איר קיינמאָל נישט קריגן, דאָס שווער איך אייך און איצט נאָך וועט דער גאַנצער שווינדל אַנטפּלעקט ווערן!

ירושלמי:

האַלט ס׳מויל, דו קאַנאַליע! אָדער כ׳בין דיך ממית אויפן אָרט.

קרני־פּרה:

(שרייט) ראַטעוועט! אַנדערש בין איך פאַרלאָרן.

ר׳ ליפּמאַן:

(קומט געשווינד אַריין) וואָס איז דאָ פאַר אַ ספּעקטאַקל?

ירושלמי:

איך האָב זיך נאָר אַ ביסל צעווערטלט מיט מיין משרת (ווינקט דעם משרת צו שווייגן).

קרני פרה:

איך פיל אייך סאכין פאס טא טערמעהר איז.

ירושלמי:

(פעלט איין) שתוק אם אני מדבר.

קרני פרה:

איך פיל ניט לענגר שפייגען, איך האָב לאַנג גענוג געשפּי־גען, איך פיל אַללעס פרצילען. (ר׳ ליפמן זעטצט זיך).

ירושלמי:

אני אספר לאדוני.

קרני פרה:

אַללעס פאַס ער פרסיילט ר׳ ליפמן איז שקר, ער איז אַ פאַל־שער ירושלמי, ער האָט לאַנג דען עולם געאוטצט אונד מיך האָט ער אונגליקליך געמאַכט.

ירושלמי:

מה אומר הכזבן הזה?

קרני פרה:

ער קען סויא קוהט דייטש רידן פיא איך. ער איס אויס שלעסיע קעפערטיג און גיפט זיך אויז פר אַ ירושלמי (ירושלמי וויל דען משרת שלאָגין).

ר׳ ליפמן:

(שטעלט זיך צווישןביידען) ימחול אני רוצה לשמוע הכל בנחת (צו דען משרת) ווען ער איין פאַלשער ירושלמי איז, ווארום העט איהר דאָס ניט גלייך מגלה געוועזין?

קרני פרה:

איך פיל אייך סאָכין, נור הערט מיר אויס. איהר מוסט פיססען טאס איך אַ נקפה פין (מאַכט דען ראָק אויז אונד שטייט אין ווייבר קליידר ידאָ) היר האָבן סיא טען פעוויס! מאיי עדי טער איז חסן אין דיא גהילה פינגרלאך הייסט ר׳ הענריל, נון איסט פר איינגי פאכען באַסיהרט טאס איך עטפאס מיט מאיי עדי האָב פארגעהאבט.

קרני־פרה:

איך וועל אייך זאָגן וואָס דאָ איז דערמער.

ירושלמי:

(רייסט איבער) שווייג בעת איך רעד!

קרני־פרה:

לענגער וויל איך מער נישט שווייגן. שוין לאַנג גענוג האָב איך געשוויגן. אַלעס וועל איך פאַרציילן. (ר' ליפּמאַן זעצט זיך).

ירושלמי:

איך וועל אייך דערציילן, מיין הער.

קרני־פרה:

אַלעס וואָס ער זאָגט, ר' ליפּמאַן, איז שקר. ער איז אַ פאַל־שער ירושלמי. לאַנג האָט ער דעם עולם אָפּגענאַרט און מיך אומגליקלעך געמאַכט.

ירושלמי:

וואָס רעדט דער אַ ליגנער?

קרני־פרה:

ער קען אַזוי גוט דייטש רעדן ווי איך. ער איז אַ געביר־טיקער פון שלעזיע און גיט זיך אויס פאַר אַ ירושלמי. (ירושלמי וויל דעם משרת שלאָגן).

ר' ליפּמאַן:

(שטעלט זיך צווישן ביידע) זייט מוחל, כ'וויל אַלעס געלאָסן אויסהערן (צום משרת) אויב ער איז אַ פאַלשער ירושלמי טאָ פאַרוואָס האָט איר דאָס נישט גלייך מגלה געווען?

קרני־פרה:

איך וועל אייך זאָגן, נאָר הערט מיך אויס. זייט וויסן, אַז איך בין אַ נקבה. (טוט אויס דעם מאַנטל און בלייבט שטיין אין ווייבערשע קליידער) דאָ האָט איר אַ באַווייז! מיין טאַטע איז חזן אין דער קהלה פינגערלאַך און הייסט ר' הענערל. אַזוי איז פאַר עטלעכע וואָכן געראָד געשען, אַז איך האָב עפּעס פאַר געהאַט מיט מיין טאַטן...

ירושלמי:

כולו שוא ושקר.

טיימערל:

אונד יוסט האָט טיזער פעדריגער פייא אונז לאשיהרט אונד האַד סיך פר אַ ירושלמי אויסגעבי אונד האַד מיך איבררעט איך סאָל מיט איהם אַרום רייסע אַלס משורת נור איך מוז אַללע פעדריקערייא פרשווייגען טיא ער טוהט אונד איך פער בייא איהם אַללע נחת האַבען, נוא א יונג מעדכע פין איך אונד דען עטי גייט עס ניט צו בעסטין, אונד יוסט האָב איין געצענק מיט איהם קעהאַט, האָב איך מיך לאסע איפער ריידע אונד בין מיט איהם אַוועק.

ירושלמי:

אל יאמן אדוני בחיי ראשי שוא ושקר.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) לויטר בטרוג אין דיא וועלט, מאן קאן עס אן דיא שטים הערין דאס זיא איין ווייבספערסאהן איז, דיא זאכע קומט מיר זעהר פרווירט פאהר (לויט צו טיימערל) נון מוז איך שאהן מיט איהר שפרעכן וויא מאַן געגין איין פרויאן ציממער שפריכט. ווארום אפענבאהרט זיא ער גראדע יעצינד?

טיימערל:

איך כיל אייך סאכין, איך פין עס שאהן איפרטריסיג טען פעטרוג פארט צו שפיהלן אונד איך פעטענקע מאיי ארמע עטי פאס טער יעצינד פר אַ צער פערברענגן פערט איבער מיר. פארום איך פין סיין איינציגע טאָכטר, גיין פרויא האד ער ניכט מעהר, נון סאָל איך איהם אויך נאָך פערלאַססע, עס איז פאָהר איך האָב שלעכט געדאָהן, איך פיל אָבער פידער גוט פערע אונד פייא מאיי עטי צוריק געהן, איך פיטטע אייך טאַהערא ליפער ר׳ ליפמן מיר בהילפליך צו סיין, מיך פון טיסען שלעכטען מענש לאָס צו מאַכען. פארום זונשט איז ער מיך ממית ער האד עס שוין פארהער קעפעלט דאַהן.

ירושלמי:

אַלעס איז שוא ושקר!

טעמערל:

און גראָד איז דעמאָלט דער שווינדלער ביי אונדז איינגע־שטאַנען, וואָס האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ ירושלמי. ער האָט מיך איבערגערעדט אַרומצופאָרן מיט אים אַלס משרת, נאָר מוז פאַרשווייגן זיינע שווינדלערייען, וואָס ער טוט אָפּ און איך וועל ביי אים גוט האָבן. אַ יונג מיידל בין איך און דעם טאַטן גייט עס נישט ווי אַם בעסטן און גראָד האָב איך זיך מיט אים צעקריגט — האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן און בין מיט אים אַוועק.

ירושלמי:

איר זאָלט דאָס נישט גלייבן, מיין הער, איך שווער אייך אַלעס איז שוא ושקר!

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) לויטער שווינדל אין דער וועלט! מען קאָן אין איר קול דערקענען, אַז דאָס איז אַ פּרויענצימער. די זאַך קומט מיר פאַרפלאָנטערט פאָר. (הויך צו טעמערלען) איצט מוז איך שוין מיט איר רעדן ווי מע רעדט מיט אַ פּרויענ־צימער. פאַרוואָס אַנטפּלעקט זי דאָס גראָד איצט?

טעמערל:

איך וועל אייך זאָגן, אַז עס איז איבערדריסיק ווייטער דעם שווינדל צו שפּילן. איך טראַכט וועגן צער, וואָס מיין אָרע־מער טאַטע האָט צוליב מיר, וואָרום איך בין זיין איינציקע טאָכטער, אַ פרוי האָט ער נישט מער, נו, זאָל איך אים נאָך אויך פאַרלאָזן? אמת, איך האָב שלעכט קעגן אים געהאַנדלט. איך וויל אָבער בעסער ווערן און צו מיין טאַטן צוריקקערן. איך בעט אייך, ליבער ר׳ ליפּמאַן, העלפט מיר לויז צו ווערן פון דעם שלעכטן מענטשן, וואָרום אַנדערש וועט ער מיך ממית זיין. ער האָט דאָס שוין פריער געוואָלט טון.

ר' ליפמן:

(צו דען ירושלמי) נון וואס זאגט איהר דרצו? פערשטעלט אייך ניכט מעהר אונד שפרעכט מיט מיר אויף דייטש. דען דאס קאן אייך דאך שאהן ניכטס מעהר העלפין, דא דאך שאהן אללעס אפענבאהרט איז.

ירושלמי:

כבר אמרתי שאני מבין לשון אשכנז, אבל לא אוכל לדבר רק לשון הקודש ואני אומר שכל היוצא מפיו שקר.

ר' ליפמן:

אבל הלא המשרת שלו נקבה היא. מימי לא ראיתי משרת יש הירושלמי נקבה.

ירושלמי:

היא בקשה ממני שאקח אותה לפ"פ דמיין מפני שם יש לה קרובים ובכתה לפני בדמעות שליש ואמרה שלא יכלה לישיב עוד בבית אביה מפני קטטות ומריבות, ונכמרו רחמי עליה ואמרתי לה שתוכל ליסע עמי עד פ"פ, אבל היא צריכה לילך בשמלת גבר בתורת משרת מפני העולם שיאמרו שהירושלמי נוסע עם נקיבה, זה הוא אינו מן המדה, אבל אין כאן לא ערמה ולא מרמה רק בוודאי כך נגזר עלי מן השמים, מפני שלא היה לי לרחם עליה ומדת הרחמנות שלי גרמה לי עכשיו את כל זאת שתבאיש את ריחי בפני כל ואומרת עלי דברים אשר לא שמען אדם מעולם. כך הוא הדבר ולא יותר.

טיימערל:

קלויבן סיא איהם ניכטס, טען ער איסט איין ערדץ פעדריגר, סום פעפייז סעהן סיא טא א פריהף טען איך אונדר סיין באביהרן קעוואנדן האב, טען ער האד געשריבן מיט א וואלשע האנד אלס פיא עס פון איין אנטרן גומט אן סיינע

ר׳ ליפּמאַן:

(צום ירושלמי) נו, וואָס זאָגט איר דערצו? פאַרשטעלט אייך נישט לאַנגער און רעדט מיט מיר אויף טייטש. גאָרנישט וועט אייך איצט נאָך העלפן, ווייל אַלעס איז שוין סייווי אויפגעדעקט.

ירושלמי:

איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין טייטש און קען נאָר רעדן לשון־קודש. און איך זאָג אייך, אַז אַלעס וואָס קומט אַרויס פון זיין מויל איז ליגן.

ר׳ ליפּמאַן:

אייער משרת איז דאָך אָבער אַ נקבה און איך האָב נאָך זינט מיין לעבנסטאָג נישט געזען, אַז אַ ירושלמי זאָל האָבן אַ נקבה פאַר אַ משרת.

ירושלמי:

זי האָט מיך געבעטן איך זאָל זי מיטנעמען צו אירע קרובים קיין פראַנקפורט אָם מיין און געוויינט פאַר מיר בדמעות־שליש און דערציילט, אַז זי קאָן נישט לאַנגער אויסהאַלטן אין פאָטערס הויז צוליב די שטענדיקע קריגענישן און רייסע־נישן מיט אים. איך האָב אויף איר רחמנות געקריגן און גע־זאָגט, אַז זי קען מיט מיר מיטפאָרן ביז פראַנקפורט, אָבער ווי מיין משרת וועט זי מוזן אָנטון מאַנען־קליידער, כדי מע זאָל נישט זאָגן, אַז אַ ירושלמי פאָרט אַרום מיט אַ נקבה, ווייל אַזוינס געשיקט זיך נישט. דאָס אַלעס האָט אָבער גאָר־נישט צו טון נישט מיט כיטרעקייט און נישט מיט פאַלשקייט. נאָר ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַ גזר פון הימל, ווייל איך האָב נישט באַדאַרפט רחמנות האָבן מיט איר און איצט האָט מיין גוטסקייט גורם געווען, אַז זי זאָל מיך פאַרשוואַרצן אין אַלעמענס אויגן און אויף מיר אויסטראַכטן נישט גע־שטויגענע זאַכן. אַזוי איז דאָס און נישט אַנדערש.

טעמערל:

גלייבט אים נישט. ער איז אַ רמאי. אָט דאָ איז אַלס באַוויז זיינס אַ בריוו, וואָס איך האָב געפונען צווישן זיינע פּאַפּירן. ער האָט דעם בריוו געשריבן צו זיין פרוי מיט אַ פאַלשער

פרויא, לעסען זיא אונד איבערסייקען סיא סיך (גיבט איהם איין בריף איבר).

ר׳ ליפמן:

(לעזט) שלום להאשה מרת ליפקא יענטש;(בייא זייטע) ליפקא יענטש? זעלטי דאָס די נעמליכה זיין? דען בעטרוג ווערע שרעקליך! (לעזט וויטער לויט) איך מוז איהר צו וויססען טוהן, דאָס בשבוע העבר איהר מן בשמו ר׳ גץ היר אין פרוסניץ איין מיתה משונה האָט אינגנומן עס טוהט מיר לייד איהר דאָס צו מעלדן, אללייז אָבער איך האָב קיין ברירה, דען וויססען מוז זיא עס דאָך. זייא זיא זיך ניט איבריג מצער, דען ער וואהר דאָך איין שלעכטר מענש, דאָס ער איהר האָט זיטצן גלאָזט, דאסזעלבע האָט ער פיר זיין טאהד בעקענד אונד איך ווינשע איהר דאָס זיא איין בעסרין מאַן בקומין זאָל, פרבלייבה איהר אומבקענטר פריינד, פה פרוסניץ יום ד״ כ״ז אלול תקנ״ח לפ״ק. הק׳ פרץ ש״ץ ושו״ב דק״ק הנ״ל.

טיימערל:

נו, פאס סאכען סיא טערצו טיזוס האד ער סעלבסט קעשריבען אונד פעהר פייס אב סיין פרויא ניכט שאהן איין אנטרר מאַן קענוממין האד.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) איך וויס מיר גאר ניכט צו העלפין, דען דיא זאַכע קומט מיר זעהר פרדעכטיג פאהר אונד איך וייס ניכט וועהר רעכט האט (צו ירושלמי לויט) נון ווילט איהר נאָך ניכט בעקעננין? איך ראַטע אייך ליבר אַללעס מודה צו זיין אדער איך ווערדע דיא זאַכע בעקענט מאַכן.

ירושלמי:

איני חוזר מדיבורי ואני אומר שכולו שוא ושקר, האגרת הזה לא כתבתי ולא יש לי אשה במדינה זו רק בארץ ישראל שם יש לי אשה ובנים, ומי יודע מי כתב האגרת הזה, ושמי הוא ר׳ יעקב גומפל אבל לא ר׳ גץ ואל יאמין אדוני.

האַנט גלייך ער וואָלט זיין פון אַן אַנדערן. לעזט און איבער־צייגט אייך אַליין. (גיט אים דעם בריוו).

ר' ליפמאַן:

(לעזט) **שלום להאשה מרת ליפקע יענטעש!** (אויף אַ זייט) **ליפקע יענטעש? זאָל דאָס זיין די זעלביקע? דער שווינדל וואָלט געווען אַ שרעקלעכער!** (לעזט ווייטער אויף אַ קול) איך מוז אייך צו וויסן טון, אַז פאַריקע וואָך האָט אייער מאַן, בשמו ר' געץ, דאָ אין פראַסניץ איינגענומען אַ מיתה משונה. איך באַדויער אייך דאָס צו מעלדן, איך האָב אָבער קיין אַנ־דער ברירה נישט, ווייל וויסן מוזט איר עס סיווי. זייט אייך אָבער נישט איבעריק מצער. לאָזנדיק אייך זיצן, איז ער דאָך געווען אַ שלעכטער מענטש. ער האָט זיך דערין מודה געווען פאַר זיין טויט. איך ווינטש אייך דעריבער, אַז איר זאָלט באַ־קומען אַ בעסערן מאַן ווי ער איז געווען און פאַרבלייב אייער אומבאַקאַנטער פריינד. פה פראסניץ יום ד', כ"ז אלול תקנ"ח לפ"ק. הקטן פרץ ש"ץ ושו"ב דק"ק הנ"ל.

טעמערל:

נו, וואָס זאָגט איר דערצו? דאָס האָט ער געשריבן מיט איי־גענע הענט. ווער ווייסט צי זיין פרוי האָט שוין נישט גענומען אַן אַנדערן מאַן.

ר' ליפמאַן:

(אויף אַ זייט) איך קען מיר נישט העלפן, נאָר די זאַך קומט מיר פאַרדעכטיק פאָר. איך ווייס נישט ווער איז דאָ גערעכט. (הויך צום ירושלמי) און איצט ווילט איר זיך נאָך נישט מודה זיין? מיין עצה איז, אַז איר זאָלט זיך ליבערשט אין אַלעמען מודה זיין אויב נישט וועל איך די זאַך באַקאַנט מאַכן.

ירושלמי:

איך נעם גאָרנישט צוריק און בלייב ביי דאָס מייניקע, אַז אַלעס איז שוא ושקר. דעם בריוו האָב איך נישט געשריבן און אין דער מדינה האָב איך נישט קיין פרוי נאָר גאָר אין ארץ ישראל. דאָרט האָב איך אַ פרוי מיט קינדער. ווער ווייסט ווער עס האָט געשריבן דעם אָ בריוו. איבעריקנס, איז מיין נאָמען נישט געץ נאָר ר' יעקב גומפעל און איר מיין הער, גלייבט נישט דאָס אַלעס.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) איך מוז ווארהאפטיג איין נביא זיין ווען איך וויסן זאָל ווער רעכט האט, דאך דא פעלט מיר איין, דאַ דאך איין פרויא יעטצאָ, דיא ליפקא יענטש הייסט, היר איז, פיללייכט איז עז דיא נעמליכה, איך ווערדע זיא רופען לאַססען פיללייכט דערקענט זיא איהם (שרייבט איין ביללעט אונד זאגט צו טיימערל) גייא דוא מיט דאס בריפכען בייא דען היזיגען חזן דא לאשיהרט איין פאַלק מיט זיין פרויא גיב זיא דאס בריפכע אן דיא פרויא איבר, דאן קאן זיא צוריק קומען.

טיימערל:

איך פערדע עס פעשדעללין (געהט אב).

ירושלמי:

מה זה שכתב אדוני? ואל מי שלח האיגרת הזאת?

ר׳ ליפמן:

וואס גייט דאס אייך אן? איהר וועדט שוין געוואר ווערדען.

ירושלמי:

אני רוצה עכשיו ליליך לביתי.

ר׳ ליפמן:

ניין! ניין! איהר מעסט דא בלייבן, דאָס קאן ניכטס העלפין.

2טער אויף טריט

ר׳ יאַקש:

(טרעט אויף זאָגט צו ר׳ ליפמאַן) אָ דאָ בין עה! נוא איז שוין אַללעס פאַרטיג צום גט? (ער זעהט דען ירושלמי בעטראַכט איהם זעהר גענויא) אַחע מיר, גץ ברודער! וויא קומסט דוא דא אַהער? את לעבין שני גנבים בשורש אחד. וואָשע מאַכסט דוא דאָ? דוא פאָהרסט אַרום פר אַ ירושלמי, גץ ממזר, הערשע

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) איך מוז באמת זיין אַ נביא צו וויסן ווער דאָ איז געוועכט. דאָך קומט מיר אויפן רעיון, אַז איצט געפינט זיך דאָ אַ פרוי, וואָס הייסט ליפקע יענטעש. אפשר איז זי גאָר די זעלביקע. איך וועל זי לאָזן רופן, אפשר דערקענט זי אים. (שרייבט אַ בריוול און זאָגט צו טעמערלען) גיי דו מיט דעם בריוול צום היגן חזן. ביי אים שטייט איין אַ פּאַ־לעק*) מיט זיין פרוי. גיב דער פרוי דאָס בריוול און קום דערנאָך צוריק.

טעמערל:

איך וועל עס אָפּגעבן (גייט אַוועק).

ירושלמי:

וואָס אַזוינס, מיין הער, האָט איר דאָרט געשריבן? און צו וועמען האָט איר געשיקט דעם בריוו?

ר׳ ליפּמאַן:

וואָס גייט דאָס אייך אָן? איר וועט שוין געוואויר ווערן.

ירושלמי:

איצט וויל איך אַהיים גיין.

ר׳ ליפּמאַן:

ניין, ניין! דאָ מוזט איר בלייבן, עס וועט אייך גאָרנישט העלפן.

צווייטער אויפטריט

ר׳ יאָקש:

(טרעט אויף, זאָגט צו ר׳ ליפּמאַן) אָ דאָ בין עך! נו, איז שוין אַלעס פאַרטיק צום גט? (ער דערזעט דעם ירושלמי, באַטראַכט אים גענוי) אָכע מיר, געץ ברודער! ווי קומסטו דאָ אַהער? כ׳לעבן שני גנבים בשורש אחד, צוויי גנבים אין איין זאַק. האַ, וואָסזשע מאַכסטו דאָ? דו פאַרסט אַרום פאַר אַ ירושלמי,

*) צונאָמען ביי די האָלענדישע יידן פאַר אַ פּוילישן.

צו, פרשטעל דעה נישט, ווארום דיא חכמות גילטן דאהיא נישט, אַזויא וויא עה אַ בעל שם בין, אַזויא ביסט דוא אַ ירושלמי, במילא וואשע טוהסט דוא דאַמיט, מיר קאננין זיך דאַך שוינט פון ברעסלויא.

ירושלמי:

מה רוצה מאתי? מימי לא ראיתי אותו ובוודאי טעות אצלו.

ר׳ יאָקש:

וואס? גנב איינר! עה קאן דעה עה לעבין, והא ראיה האסט דוא פר אַ פאָהר יאהר אַ גניבה אין ברעסלויא גטאהן, האב עה דיר נאָך גהאלפן אַז דוא ביסט בשלום אַוועקט גקומן (צו ר׳ ליפמן) הערטשי צו ר׳ ליבלי, עז איז בוודאי אַזויא נגזור גווארן מן השמים אַז איהר זאָלטשע געשטראפט ווערן מיט נבילות, ווארום וואס מיט מיר דער מעהר איזט ווייסט איהר שוין, נור עה זאג אאך אָ דער דאָ (ווייזט אויף דעם ירושלמי) איז דער רבי לכל הגנבים והרמאים. עה בין ערשט אַ אפס לקצה קצת פון איהם. הצעיר שבתלמידיו. נוא מאָהלט אאך ווא דאס פר אַ בחור מוז זיין. אבר ר׳ ליבלי לעבין געט שבח והודי׳ אַן השי׳ דאָס אַללעס נגלה ווערט, עה לעבין איהר זענט אַ גרויסער בעל מזל (צו ירושלמי) נוא אחי ורעי, עה בין מעה טועה מיין ליבר הארציגר רבי לעב, ווארום הלומד מחבירו פרק אחד או הלכה אחת צריך לנהוג בו כבוד 9), און ווען דוא נישט ווערסט געווען וואו העט עה עפּיס גקאנט. פאלגשע מיר, ר׳ ליבלי איז אח לעבין זייר אַ פיין יידל, ער ווערט דעה נישט טאהן און זאַיישע תאקיש מודה.

ירושלמי:

מה אומר האיש המשוגע חזה? אני איני מבין מה שאמר (צו ר׳ יאָקש) לך מאתי.

ר׳ יאָקש:

אחשע מיר וואו האסט דוא גלערנט אזויא גוט לה״ק שמוהזען? עה לעבין רוא האסט ממש קיין א״ב גקאנט און מיט איין מאהל אַזויא אַ בריה אין לשון קודש. עה מוז זאגין ברודר

גײ ממזר! הערזשע צו, פֿאַרשטעל דעך נישט, ווארום דאָ גילטן נישט די חכמות. אַזוי ווי עך בין אַ בעל־שם אַזוי ביסט דו אַ ירושלמי. במילא וואָסזשע טוסטו אויף? מיר קענען זיך דאָך שוין פֿון ברעסלע.

ירושלמי:

וואָס וויל ער פֿון מיר? זינט כ׳לעב האָב איך אים נאָך נישט געזען. ער איז זיך זיכער טועה.

ר׳ יאָקש:

וואָס? גנב איינער! עך קען דעך, כ׳לעבן. והא ראיה האָסטו פֿאַר עטלעכע יאָר אויסגעפֿירט אין ברעסלע אַ גנבה האָב עך דיר געהאָלפֿן, אַז דו זאָלסט אַוועקקומען בשלום. (צו ר׳ ליפּמאַנען) הערטזשע צו ר׳ לייבעלע, עס איז בוודאי אַ גזר פֿון זיין ליבן נאָמען, אַז איר זאָלט געשטראָפֿט ווערן מיט נבלות, ווארום וואָס מיט מיר דערמער איז, ווייסט איר שוין. נאָר עך זאָג אייך, אַז דער אָ (ווייזט אויפֿן ירושלמי) איז דער רבי פֿון אַלע גנבים און רמאים. אָקעגן אים בין עך אַ גאָר־נישט מיט אַ גאָרנישט. דער קלענסטער פֿון אַלע זיינע תלמי־דים. איצט מאָלט אייך וואָסאַרע בחור ער אַליין מוז זיין. אָבער ר׳ לייבעלע, גיט אַ דאַנק און לויב צום רבונו של עולם, אַז אַלעס איז אַרויסגעקומען. כ׳לעבן, איר זענט אַ גרויסער בר־מזל. (צום ירושלמי) נו, אָחי ורעי, עך בין מעך טועה מיין ליבער, האַרציקער רבי־לעב, ווארום ווער עס לערנט פֿון אַן אַנדערן איין פּרק צי איין הלכה, שטייט געשריבן, אַז ער דאַרף אים אָפּגעבן כבוד. און אויב כ׳וואָלט פֿון דיר נישט געלערנט ווי וואָלט עך טאָקע עפּעס געקענט? טאָ פֿאָלגזשע מעך, ר׳ לייבעלע איז כ׳לעבן אַ זייער פֿיין יידל, ער וועט דיר גאָרנישט טון און זיי זיך מודה.

ירושלמי:

וואָס רעדט דער משוגענער? איך פֿאַרשטיי גאָרנישט, וואָס ער האָט געזאָגט. (צו ר׳ יאקש) טרעט פֿון מיר אָפּ!

ר׳ יאָקש:

אַז אָך איז מיר! ווו האָסטו דאָס געלערנט אַזוי גוט לשון־קודש שמועסן? כ׳לעבן, דו האָסט ממש קיין אלף־בית נישט געקענט און מיט אַ מאָל אַזאַ בריה אין לשון־קודש?! כ׳מוז

האַרציגר שאין דוגמתך בכל העולם, דוא ביסט פאק קיין פאטיש כאדשי אין די משנה שטיט גץ שיצא מתחת הפטיש 10), נור בייא דיר גץ מיינט מע מה פטיש מפוצץ סלע מתחלק לכמה נצוצות, אַזויא דוא ברודר האַרציגר קאנסט דעת מתחלק ומתלבש זיין פר וואס דוא ווילסט, ר׳ ליבלי קרויניש הארציש דער גאַנצר עולם איז פול מיט רמאות און רמאים מוזן פארט זיין.

ירושלמי:

בעקבות משיחא חוצפה יסגי 11), ועכשיו בוודאי הוא זמן משיח, וגדולה חוצפה עד מאד לאמור עלי דברים כאלה על איש כמוני, אתה תחשוב כי המום שבך יש בחברך, אבל לא כן הדבר וה׳ בוודאי ישלם לך.

ר׳ יאָקש:

הא דיר אכטציג שווארטצע יאהרע, דוא גנב, דוא צבוע איינער, לאנגר גץ איינר. מיינסט דוא וויא גץ מאַכט? גנב צבוע.

3טער אויף טריט.

ליפקע יענטש:

(טרעט אויף, זאגט צו ר׳ ליפמן) הארשע לעבין איר האט נאך מיר גשיקט, אָ דאָ בין עה, וואס ווילטשע איהר? (זיא בליקט דען ירושלמי, בעטראַכט איהן גענויא, פאסט זיך אין דיא האר און שרייאעט) וואשע זעה איך דא? אוי ווייא איבר מיר (שרייאעט זעהר).

ירושלמי:

(וויל פארט לויפן).

יענטש:

למען השם האלטס איהם, עה בלייב אָקערשט ניט, וואָס שטייא איך אויס?

זאָגן, ברודער האַרציקער, אַז דו האָסט נישט דיינס גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. דו ביסט שוין גאָרנישט קיין פּעטיש כאָטש אין דער משנה שטייט: גץ שיצא מתחת הפּטיש, אַ גץ, אַ פונק, וואָס איז אַרויס פון אונטערן האַמער. נאָר ביי דיר, געץ, מיינט דאָס, אַז אַזוי ווי דער האַמער צעשפּרענגט דעם פעלדזן און גיט פון זיך אַרויס פונקען, אַזוי אויך דו ברודער, האַרציקער, קענסט דו זיך צעטיילן און פאַרשטעלן פאַר וואָס דו ווילסט. ר' לייבעלע קרויניש, האַרציש, דער גאַנצער עולם איז פול מיט שווינדל; און ר'מאים מוזן פאַרט זיין.

ירושלמי:

בעקבות משיחא יסגי חוצפּא, מיטן דערנענטערן זיך פון משיחס טריט, וואַקסט די חוצפּה און איצט זיינען, ווייזט אויס משיחס צייטן. ווייל די חוצפּה מוז דאָך באמת גרויס זיין, אויב מען רעדט אויס אויף אַזאַ מאַן ווי איך אַזעלכע זאַכן. אָבער עס איז נישט ריכטיק און גאָט וועט עס דיר אָפּצאָלן.

ר' יאָקש:

טאָ האָב דיר שוין אַכציק שוואַרציאָר דו גנב, צבועק, לאַנ־גער געץ איינער. ווייסטו ווי ג"ץ מאַכט? גנב, צבועק!

דריטער אויפטריט

ליפּקע יענטעש:

(טרעט אויף, זאָגט צו ר' ליפּמאַן) האַרשי־לעבן, איר האָט נאָך מיר געשיקט, אַ דאָ בין עך. וואָסזשע ווילט איר? (זי קוקט אויפן ירושלמי, באַטראַכט אים גענוי, כאַפּט זיך פאַר די האָר און שרייט) וואָסזשע זע עך דאָ? אוי וויי איז מיר! (שרייט שטאַרק).

ירושלמי:

(וויל אַנטלויפן).

ליפּקע יענטעש:

למען השם, האַלט אים. עך בלייב אָקערשט נישט. וואָס שטיי עך אַלץ אויס?

ר׳ ליפמן:

צו גלייך   וואָס איז דען דאָס?

ר׳ יאָקש:

ווייא גברעכט דיר? רייד נבלתת.

יענטש:

(לויפט צו דען ירושלמי פאסט איהם אונד שלעפט איהם) אוי וויי איבר דיר גץ גנב. וואס האסט דוא גטאהן אן מיר? וועלכר שווארטצע יאהרע האָבען דעת דאהער גבראַכט? עח האב גמיינט דוא ביסט שוין פרפוילט. און דוא לעהבסט נאָך? וויא וועסט דוא קענין דיא עבירות פר גאט פרענפרן?

ר׳ ליפמן:

רעד זיא דייטליך (בייא זייטע) דיא זאכע ערקלעהרט זיך.

ר׳ יאָקש:

(בייא זייטע) אפשר האָט ער אוכיד חלק אין מיין ווייב (צו יענטש) הא נוא זעה עח וואס מיט דיר דרמעהר איז. האסט אַ משא ומתן מיט מעננר עס איז אן דירשע אוכיד קיין ברכה (צו ר׳ ליפמן) נוא זעהט איהר, אליין האט זעח אַ מאַן און גייט און נעמטשע נאָך איינר, האב עח ניט רעכט גהאָט, אַז איך האב איהר אין שווארטצען יאהר זיצן גלאזט? האַ?

יענטש:

הערטשע צו פוקיר(?), עס איז אַ וודאי שוין זיבן יאהר קריהג עח אַ בריב. שרייבט מיר דער שוחט פון פראסניץ בזה הלשון. יענטש! דיין מאַן בשמו גץ איז אַ כפרה גוואָרן פר כל ישראל (צו ירושלמי) הלוואי עס ווער אמת גוועז. (צו ר׳ ליפמן) און שרייבט מיר ווייטר בוודאי וועט איהר אאך נישט מצער זיין, ווארום איהר האט דאך קיין מאַן אן איהם גהאָט און האט אאך דאָך זיטצן גלאזט. עח ווינש אאך אַז איהר אַ בעסרין זאָלט קריגן (צו ר׳ ליפמן) נוא וואס קאן עח דאפאהר, עח האב גמיינט עס איז שוין קיין ביינדיל פון איהם דא, און נוא טרעף

ר׳ ליפמאַן:

(צוזאַמען) **וואָס איז דען דאָס?**

ר׳ יאָקש:

וואָס פעלט דיר? רעד נבלהטע!

ליפקע יענטעש:

(לויפט צום ירושלמי, פּאַקט אים און שלעפּט אים צוריק) **אוי ווי איבער דיר, געץ גנבֿ! וואָס האָסטו מיר אָנגעטאָן? וועל־כער שוואַרציאָר האָט דיך דאָ אַהער געבראַכט? און עך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין פאַרפוילט און דאָ גאָר לעבסטו נאָך? וויאַזוי וועסטו קענען פאַר גאָט די עבֿרות פאַרענט־פערן?...**

ר׳ ליפמאַן:

רעדט דייטלעך (אויף אַ זייט) **די זאַך ווערט קלאָר.**

ר׳ יאָקש:

(אויף אַ זייט) **אפשר האָט ער אויך אַ חלק אין מיין ווייב** (צו ליפקע יענטעש) **האַ, איצט זע איך ערשט וואָס מיט דיר איז דערמער. האָסט אַ משא־ומתן מיט מענער און עס איז אָן דיר אויך נישט קיין ברכה.** (צו ר׳ ליפמאַן) **נו, זעט איר, אַליין האָט זי אַ מאַן און גייט און נעמט נאָך איינעם. האָב עך נישט רעכט געהאַט, וואָס כ׳האָב זי געלאָזט זיצן אין שוואַרצן יאָר? האַ?**

ליפקע יענטעש:

הערטזשע צו. עס איז אוודאי שוין זיבן יאָר ווי עך קריג אַ בריוו. שרייבט מיר דער שוחט פון פּראָסניץ בזה הלשון: יענטעש! דיין מאַן בשמו געץ איז געוואָרן אַ כּפּרה פאַר כל ישׂראל, (צום ירושלמי) **הלוואַי וואָלט דאָס אמת געווען.** (צו ר׳ ליפמאַן) **און ער שרייבט מיר ווייטער: איר וועט זיך זי־כער נישט מצער זיין, ווארום קיין מאַן האָט איר סיווי אָן אים נישט געהאַט, ווייל ער האָט אייך געלאָזט זיצן. עך ווינטש אייך, אַז איר זאָלט אַ בעסערן קריגן** (צו ר׳ יאָקש) **עך האָב אָבער בעוונותינו הרבים ווידער אַזאַ שטיק טמא גע־קריגן** (צו ר׳ ליפמאַן) **נו, וואָס בין עך שולדיק, עך האָב גע־מיינט, אַז עס איז שוין קיין ביינדל פון אים נישט געבליבן**

עה איהם, נוא האב עה צווייא כלבים איבר מיר אוי מיר, אַחע מיר (ירושלמי שטעהט ערשראקין).

ר׳ ליפמן:

אבר ווער זעלט דען בריב אן איהר גשריבן האבען?

יענטש:

אַ וודאי ער זעלבשט (צום ירושלמי) עה רייס דיר אַ פּאאלקע אויס, עה טוא אַ מעשה אן דיר.

ר׳ ליפמן:

(צום ירושלמי) הערט אמאהל, איהר זעהט דאך אַלס איך אַללעס וויס און דיא רייד פון אייר גמאכטן משרת טרעפין מיט דעם איבר איין, בכן זייט תיכף ומיד מודה אָדער איך ווער איין עקסעמפּל אין אייך בווייזן אשר לא נשמע ולא נראה עד עתה איהר שיביאַק 12), איהר וועלטס בטריגער!

ירושלמי:

(קען פר שרעק קיין ווארט שפּרעכן).

ר׳ יאָקש:

חרפּון דיך גץ דוא זאלסט דעה דערשרעקען? אַזויא אַ פיינער יונג וואס דיא תלי׳ שוין אַ פאָהר מאהל אַנטלאָפין איז, וואָס איז דען דאָס גאהר? דוא האסט גשריבן דוא ביסט גשטארבן, נוא דוא האסט זייר רעכט, ווארום רשעים בחייהם קרויים מתים 13), ועל כולם בייא אַזויא אַ ווייב שמושלת על בעליהן איז גאָר חייהם אינם חיים, דאָס וויס עה אן מיר, טוא וויא עה, מיר זענין דאָך שוין לאַנג שותפין אָד לאזין מיר אן גט אוכיד שותפות האבין, מיר וערן תאקיש בחברותא גט געבין און פטור.

ירדשלמי:

וואס זאל איך טוהן? מאן זאגט אונטר פיהל הינד איז דער האָס טאהד.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) ווארהאפטיג איין שעהן קומפלימענט.

און איצט טרעף עך אים דאָ. איצט האָב עך צוויי כלבים איבער מיר. אוי איז מיר, אָכע מיר! (ירושלמי שטייט אַ דער־שראָקענער).

ר' ליפּמאַן:

אָבער ווער האָט אייך דעם בריוו געשריבן?

ליפּקע יענטעש:

זיכער ער אַליין. (צום ירושלמי) עך רייס דיר אַ פּאָלקע אויס. כ'טו דיר אָן אַ מעשה!

ר' ליפּמאַן:

(צום ירושלמי) הערט מיך אויס. איר זעט דאָך, אַז איך ווייס אַלעס און די רייד פון אייער געמאַכטן משרת טרעפן צוזאַמען מיט די פון דער פּרוי. בכן זייט זיך תיכף ומיד מודה אַנדערש וועל איך אייך אָנלערנען ווי מען האָט דאָס נאָך ביז איצט נישט געהערט און נישט געזען, איר אויסוווּרף! איר וועלט־שווינדלער!

ירושלמי:

(קען פאַר שרעק קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען).

ר' יאָקש:

שעם זיך געץ, אַז דו זאָלסט זיך דערשרעקן! אַזאַ פיינער יונג ווי דו, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל פון דער תלייה אַנטקור־מען — וואָס איז דאָס? דו האָסט געשריבן, אַז דו ביסט גע־שטאָרבן. נו, דו ביסט טאַקע גערעכט, ווייל ווי שטייט דאָרט געשריבן? די רשעים ביי זייער לעבן ווערן אויך אָנגערופן טויטע. ועל כולם, אַז מע האָט אַ ווייב, וואָס געוועלטיקט איבער אירע מענער, איז דאָך זיכער זייער לעבן קיין לעבן נישט. דאָס זע עך אָן מיר אַליין. טו דעריבער ווי עך. מיר זיינען דאָך שוין לאַנג שותפים און לאָזן מיר שותפות מאַכן און צוזאַמען איר געבן אַ גט און פּטור.

ירושלמי:

וואָס קען איך טון? ווי זאָגט מען דאָס: צווישן אַ סך הינט איז דער האָז אַ טויטער.

ר' ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) באמת, אַ שיינער קאָמפּלימענט...

ירושלמי:

איך זעהע איך קען מיך דאך שוין ניט לענגר פרשטעללין, איך בקען דאס איך קיין ירושלמי בין, נור איך האב גוועלט געלט מאַכין. דאס איז מיין איינציגה דעה גוועזין.

ר׳ יאָקש:

שניהם לדבר אחד נתכוונו, אַח לעבין! דאס איז תאקיש מיין כוונה אוכיד גוועזן! נור דער הערר דייטש דא (ווייזט אויף ר׳ ליפמן) איז פארט נאָך קליגר וויא מיר. ברודר האַרציגר נוא וואשע זאל מע טוהן? (צו ר׳ ליפמן) אעפ״כ פטור בלא כלום אי אפשר. אַזויא וואהר זאלט איהר און עה גזונד זיין אַז וויא איהר וועט מוזן בצאהלן נזק, צער, ריפוי, שבת, ובושת ווארום דורך אאך איז אַללעס פאק רויס קומן.

ר׳ ליפמן:

דאַנקט גאָט דאָס איהר ווערט מיט גראדע גלידר דרפון קומן, געלד ווערט איהר ניט קריגען (צו דען ירושלמי) אונד איהר בקענט דאס דיזע אייער פרויא איז?

ירושלמי:

וואס האָב איך פר איין ברירה? הער צו מיין ווייב זייא ניט ברוגז אב מיר, דאס איך דיר האב מרמה גוועזן, ווארום איך האב דיר דאך איין גרויסע טובה גטאהן, ווארום זונשט וואו העסט דוא אן דעם (ווייזט אויף ר׳ יאָקש) פר איין מאן גקענט קריגן, זויא האסט דוא בעסר גהאָט וויא אן מיר.

ר׳ יאָקש:

איי מקצת שבחו בפניו מאָהג מע זאגין, אבער נישט אַזויא פיהל, ובפרט אַזויא יאהרן זאָלסט דוא האָבין, וויא דיא אַ מאָן אן מיר האט גהאט. אח לעבין יענטש דוא ביסט אַזויא פרשוואַרצט וויא תשעה באב, מפני שהוכפלו הצרות בייא דיר, אַז דוא האסט זאָלכע צווייא שמאָטעס גקריגען פר מעננער. נור אַ גזלנתה ביסט דוא פארט, ווארום דוא האסט אונס שוין גהאט מייאש גוועזן און סתם גזילה איז ייאוש בעלים 14), ווארום האסט דוא דיין מעננער אַזויא געשווינד מייאש גוועזן? האדיר אַ רוח.

ירושלמי:

איך זע, אַז לענגער קען איך מיך נישט מער פאַרשטעלן. איך בין זיך מודה, אַז איך בין נישט קיין ירושלמי נאָר געוואַלט אַליין געלט מאַכן. נאָר דאָס אַליין בין איך אויסן געווען.

ר׳ יאָקש:

ביידע האָבן מיר דאָס זעלבע געוואָלט. כ׳לעבן, דאָס איז געווען אויך מיין כּוונה. דער הער דייטש דאָ (ווייזט אויף ר׳ ליפּמאַנען) איז פאַרט קלוגער פאַר אונדז. ברודער האַרציקער, וואָסזשע זאָל מע טון? (צו ר׳ ליפּמאַן) דאָך פּטור בלא כלום קען נישט. אַזוי זאָלט איר און עך געזונט זיין ווי איר וועט מוזן באַצאָלן פאַר פינפערליי שאָדן, וואָרום צוליב אייך איז אַלעס אַרויסגעקומען.

ר׳ ליפּמאַן:

דאַנקט גאָט, וואָס איר קומט פון דאַנען אַרויס מיט גאַנצע גלידער. געלט וועט איר נישט קריגן (צום ירושלמי) און איר זייט זיך מודה, אַז דאָס איז אייער פּרוי.

ירושלמי:

אַ ברירה האָב איך? הער צו מיין ווייב: זיי נישט בייז אויף מיר, וואָס כ׳האָב דיך אָפּגענאַרט. איך האָב דיר דערביי נאָך אַ טובה געטאָן, וואָרום אַנדערש ווו וואָלסטו באַקומען אָט אַ דעם (ווייזט אויף ר׳ יאָקשן) פאַר אַ מאַן? אַזוי איז דיר בעסער געווען ווי ביי מיר...

ר׳ יאָקש:

אַ שטיקעלע שבח מעג מען מענטשן זאָגן, אָבער נישט צו פיל, בפרט אַזאַ יאָר אויף דיר וואָסאַרע מאַן זי האָט אָן מיר געהאַט. כ׳לעבן יענטעש, דו ביסט ביי מיר פאַרשוואַרצט געוואָרן ווי תשעה באב און געהאַט טאָפּלטע צרות מיט אַזעלכע צוויי שמאַטעס פאַר מענער. נאָר אַ גזלנטע ביסטו פאָרט! וואָרום דו האָסט דיך שוין געהאַט פון אונדז מיאש געווען און סתם גזלה גיט מען אויף. פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי גיך מיאש געווען פון די מענער? האָ־דיר אַ רוח!

יענטש:

אַ רוח אין ענקר טאַטעס און מאַמעס אַריינעט וואס האט זאלכע ממזרים בן הנדות אויף דיא וועלט גבראכט, אַ וודאי איז עס גוועזן מן השמים אַז עח זאָל מוזן מיר אַ טאָפּלטע קריעה שניידן, אַן זאָלכע צווייא מעננער האבין.

ר׳ יאָקש:

זייר רעכט, אַ וודאי מן השמים, ווארום עס איז גלוי וידוע גוועזן בשעת וויא דוא ביסט גבארן גווארן, אַז דוא אַ גרויסע הולטאַיקע זיין ווערסט, נוא האט מע גהאַט מכריז גוועזן בת פלוני לפלוני יענטשקע זאָל נעמען אַן דעם שעטנז גץ דא, האָט דער מלאך גזאָגט, איי וויי עס איז צו וויי‍ניג פר איהר מיט איין נבילה, פר אַזויא אַ יידענע וויא יענטש מוזן שני דייני גזרות זיין, האט מע צום מלאך גזאָגט, נוא ווייסט דוא וואס? יאָקש פון טאַרניפּאָל זאָל זיין אַ תנא דמסייעא, דער זאל איהר מאן אוכיד זיין, אָ דאָ ווערט זיא שוין אין ליידן לעבין בייא זאלכע צווייא בחורים, זייא מאָג זעח לעבעדיגער־הייט אין קבר ליגן, ממילא איז דאָס אַזויא מן השמים גוועזן, וואס קענין מיר דרפיר, אַז דוא דווקא תשלומי כפל האָבין מוז.

ר׳ ליפּמן:

אַלזויא וועלט איהרביידע גט געבין?

ר׳ יאָקש:

עח אַ וודאי, גאר בלי ספק (צו ירושלמי) אבר דוא גייסט מעח נישט אַן, געשמאַט(?) דעח פיהל טוא וואָס דוא ווילסט.

ירושלמי:

אונד איך וויל איהר אויך ניכט האבין.

ר׳ יאָקש:

וואס זאללין מיר אבער טאהן? עח לעבין פארט אַ רחמנות איבר דאָס ווייבלע.

יענטש:

נישט גדאכט זאָל דיין רחמנות ווערן, פושעי ישראל, שטן המשחית דיא מלאכי חבלות ווערין דעח בוודאי צורייסן און

ליפּקע יענטעש:

אַ רוח אין ענקער טאַטעס און מאַמעס אַריין, וואָס האָבן אַזעלכע ממזרים בן־הנידות אויף דער וועלט געבראַכט ווי איר. אַוודאי איז עס געווען מן השמים, אַז עך זאָל מיר צוליב אַזעלכע צוויי מענער אַ טאָפּלטע קריעה רייסן.

ר' יאָקש:

זייער רעכט. אוודאי מן השמים, וואָרום עס איז געווען גלוי וידוע בשעת דיין געבוירן ווערן, אַז דו וועסט זיין אַ גרויסע הולטאַיקע. נו, האָט מע מכריז געווען בת פלוני לפלוני, יענטעשקע זאָל מוזן נעמען דעם אָ שעטנז־גץ. האָט דער מלאך געזאָגט: איי־ווײ, איין נבלה איז צו ווייניק פאַר איר. אַזאַ יידענע ווי יענטעש מוז האָבן צוויי שטיקער אומ־גליק. האָט מע געזאָגט צום מלאך: נו, ווייסטו וואָס? זאָל יאָקש פון טאַרנאָפּאָל זיין אַ תנא־דמסייע, זאָל ער ווערן דער אונטערהעלפער און צוגלייך אַ מאַן. ביי אַזעלכע צוויי בחורים וועט זי שוין לעבן אין יסורים און אין לייד און ליגן אין קבר לעבעדיקערהייט. ממילא איז דאָך אַלעס טאַקע מן השמים געווען און וואָס זיינען מיר שולדיק, אַז דו האָסט געמוזט האָבן אַ טאָפּלטע פּאַרציע...

ר' ליפּמאַן:

אַלזאָ, וועט איר ביידע געבן גט?

ר' יאָקש:

עך אוודאי, אָן שום ספק (צום ירושלמי) דו גייסט מעך אָבער נישט אָן. טו וואָס דו ווילסט.

ירושלמי:

און איך וויל זי אויך נישט האָבן.

ר' יאָקש:

וואָס זאָלן מיר אָבער טון? כ'לעבן, פּאַרט אַ רחמנות אויפן ווייבל.

ליפּקע יענטעש:

נישט געדאַכט זאָל דיין רחמנות ווערן, דו פּושע־ישראל, שטן המשחית דו איינער. די מלאכי־חבלה וועלן דעך זיכער

ווערן דעת אין כף הקלע ווארפין, האָב דוא קיין רחמנות, און מאך מעת רק פטור.

ר׳ יאָקש:

עח האָב מורא, אין כף הקלע לויפסט דוא אונז אוכיד נאָך, ווארום אַ וודאי קומסט דוא דא אוכיד הין, במילא ביסט דוא אונז פארט נישט פטור.

ירושלמי:

דא דערפאַהר האָב קיין מורא יאָקש ברודר, ווארום זיא קומט ניט בייא אונז, זיא קומט אין דיא ווייבר כף הקלע בייא איהר מוטר.

יענטש:

(צו ר׳ ליפמן) וויא קאנט אירשע דאָס אַללע אַזויא צוהערן? הארשע לעבין! עח לעבין נישט שאַאַן פון אַאַך, עח בעהט אַאַך זייר מאַכט אַ סוף.

ר׳ יאָקש:

מאַכשע דוא אַ סוף.

יענטש:

אוי ווען עח קאָנט אַ סוף מאַכן וויא גערן מעכט עח עס טאהן! גזלן איינר!

ר׳ יאָקש:

וואָס זאָגס דוא, דוא קאָנסט אח לעבין אַ סוף מאַכין, ווארום סוף האדם למות, נוא ווען דוא ווילסט, ווער כאַדשי תיכף אַ כפרה!

ר׳ ליפמן:

שווייגט שטיל! גנוג, גנוג! וואס קומט דוא דרפון אַרויס מיט דיא מחלוקת? דאס לייד איך ניט לענגר אין מיין הויס אונד בפרט פון זאָלכע שלעכטע מענשן וויא איהר זייט און גנוג! איהר לייט קומט דרנאָך ווידרום גט צו געבין אונד יעטצט גייטס דרווייל פאָרט, אבער גלויבט ניכט אַוועק צו לויפן,

צערייסן און אין כף־הקלע וואַרפן. האָב דו מיט מיר נישט קיין רחמנות און גט מעך אָפּ.

ר׳ יאַקש:

כ׳האָב מורא, אַז אין כף־הקלע וועסטו אונדז אויך נאָכ־לויפן, ווארום זיכער קומסטו דאָרט אויך אַהין. ממילא ביסטו אונדז סייווי נישט פּטור.

ירושלמי:

פאַר דעם האָב נישט קיין מורא, יאַקש ברודער. זי קומט נישט ביי אונדז, ווארום זי קומט אין ווייבערשן כף־הקלע, ביי איר מוטער.

ליפּקע יענטעש:

(צו ר׳ ליפּמאַנען) ווי קענט איר הארשי־לעבן דאָס אַלעס צוהערן? כ׳לעבן, נישט שיין פון אייך. כ׳בעט אייך זייער און מאַכט אַ סוף.

ר׳ יאַקש:

מאַכזשע דו אַ סוף.

ליפּקע יענטעש:

אוי, ווען עך קען מאַכן אַ סוף, ווי גערן וואָלט עך דאָס געטאָן, גזלן איינער!

ר׳ יאַקש:

וואָס זאָגסטו? דו קענסט, כ׳לעבן אַ סוף מאַכן, ווארום ווי שטייט געשריבן, סוף האדם למות, דעם מענטשנס סוף איז דאָך צו שטאַרבן. נו, אויב דו ווילסט, ווער כאָטש תיכף אַ כפּרה!

ר׳ ליפּמאַן:

שווייגט שטיל! גענוג, גענוג! וואָס קומט אַרויס פון דער מחלוקת? דאָס וויל איך לאַנגער אין מיין הויז נישט פאַר־טראָגן, בפרט פון אַזעלכע שלעכטע מענטשן ווי איר זייט, און גענוג! איר לייט קומט דערנאָך צוריק געבן דעם גט און איצט גייט אַוועק. מיינט אָבער נישט, אַז איר וועט פון

ווארום צוא פאהר איז שוינט גזארגט דאס איהר ניט אויז דיא שטאט קענט אונד איהר פרויא גייט אויך צוא הויז ווען איך אייך ווער ניטיג האָבין, ווער איך אייך לאָזין רופין.

ר' יאָקש:

עח גייא שוין, גוט נאבענד יענטשקע לעב (ער נעמט איהר בייא דיא האַנד אונד שלעפט איהר מיט גוואַלט פאַרט).

יענטש:

(שרייאט) **ער איז מעח ממית.**

ר' יאָקש:

האָב קיין מורא, עח לעבין עח חעל דעח נישט מאנס זיין און שטאַרבין ווערסט דוא אוכיד נישט, ווארום דער מלאך המות האָט אוכיד מורא פר דיר (געהט אב מיט יענטש).

ירושלמי:

(רופט צו ר' יאָקש) **וואַרט אויף מיר, איך האָב דאָך אויכיד חלק אן איהר.**

ר' יאָקש:

(רופט פון בויסן) **נוא, קומשי שוין שלומזאלניג** (ירושלמי געהט אב).

ר' ליפמן:

(אַליין) **איך בין דאָס לערם שוינט מידע, איך מוז געהן דיא זאַכע איין ענד צו מאַכן** (אב).

ענדע דעם צווייטע אויף צוג.

דאַנען אַנטלויפן. עס איז שוין געזאָרגט, אַז איר זאָלט נישט פון שטאָט אַרויסקומען. און איר, פרוי, גייט אויך אַ היים. אַז איך וועל אייך נייטיק האָבן, וועל איך אייך לאָזן רופן.

ר׳ יאָקש:

עך גיי שוין. גוט נאָוונט. יענטעשקע לעב (ער נעמט זי ביי דער האַנט און שלעפט זי מיט געוואַלט).

ליפקע יענטעש:

(שרייט) ער איז מעך ממית!

ר׳ יאָקש:

האָב נישט קיין מורא, כ׳וועל דעך נישט מאנס זיין און שטאַרבן וועסטו אויך נישט, ווארום אַפילו דער מלאך המות האָט פאַר דיר מורא (גייט אַוועק מיט יענטעש).

ירושלמי:

(רופט צו ר׳ יאָקש) וואַרט אויף מיר, איך האָב דאָך אויך אין איר אַ חלק!

ר׳ יאָקש:

(רופט פון דרויסן) נו, קומזשע שוין שלימזלניק! (ירושלמי גייט אַוועק).

ר׳ ליפמאַן:

(אַליין) איך בין שוין מיד פון דעם גאַנצן גערודער און מוז זען דערצו אַ סוף צו מאַכן.

סוף פון צווייטן אקט.

דריטער אויף צוג

עהרסטער אויף טריט

ר׳ ליפמן, נאכהער דער חזן

ר׳ ליפמן:

(קומט אַריין זעטצט זיך אַנידער, עס ווירט געקלאפט, זאָגט) וואָס שוועהרינאהט ווירט שאהן דאָס ווידער זיין? מאַן מוז ניכט צו גוט זיין (רופט) אַריין.

חזן:

(קומט אַריין) השם עמוכם, נעמן סיא ניכט איין איפעל טאַז מיר טיא ווריהייד נעמע איהנען סו פערסוכע, נור איך האָב גיין פריירה אונד איך פייס טאָס סיא איין לודער מאַן סינט אונד טאריבער ניכט פרוגז סיין פעררען.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) אויך עפעס איין חנפן, ווער ווייס וואָס דאָס אויך עטוואָס פיר איין בעטריגער איזט (לויט) שלום עליכם

חזן:

עליכם שלום, מייא פריינד.

ר׳ ליפמן:

זעצט אייך.

חזן:

טאַנק איהנען (ער זעצט זיך).

ר׳ ליפמן:

מאג איך פראהגען וואָס אייער ביגעהר איזט.

חזן:

איך פין אייקענטליך אַ חאסן און הייס ר׳ הענריל חאסן מגהילה הגודש פינקרלאך, קעפיס האָבע סיא וואון מיר קעהערט, פארום פרוך השם מווארסם וואַר אַ קרויסע חאסן.

דריטער אַקט

ערשטער אויפטריט

ר׳ ליפּמאַן, דערנאָך דער חזן

ר׳ ליפּמאַן:

(קומט אַריין, זעצט זיך. מען קלאַפּט, זאָגט) וואָסערע נייע צרה איז דאָס שוין ווידער? מע טאָר נישט צו גוט זיין (רופט) אַריין!

חזן:

(קומט אַריין) השם עמכם, גאָט איז מיט אייך. נעמט מיר נישט פאַראיבל, וואָס איך בין אייך מטריח. נאָר איך האָב קיין ברירה נישט. איך ווייס, איר זייט אַ גוטער מענטש און וועט נישט ברוגז ווערן.

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) אויך עפּעס אַ חניפהניק. ווער ווייסט וואָסאַרע שווינדלער דאָס איז ווידער. (אויף אַ קול) שלום עליכם!

חזן:

עליכם שלום, מיין פריינד.

ר׳ ליפּמאַן:

זעצט אייך.

חזן:

אַ דאַנק אייך. (זעצט זיך).

ר׳ ליפּמאַן:

מעג איך פרעגן וואָס איז אייער בקשה.

חזן:

איך בין אייגנטלעך אַ חזן און הייס ר׳ הענערל חזן פון דער קהלה קדושה פינגערלאַך. געוויס האָט איר פון מיר געהערט, וואָרום איך בין ברוך השם מפורסם ווי אַ גרויסער חזן.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) ר׳ הענריל חזן געוויס דער פאָטער פון דעָן ירושלמי זיין משרת, נור איך מוז ערשט רעכט הערן (לויט) איך האָב נאָך ניכט דען כבוד גהאַט פון אייך צו הערן.

חזן:

פאַהס סאַהכט איהר? סייד מוחל, איהר סייד אייך דועה, פון ר׳ הענריל האסן ניקס קעהערט צו האפע, איס אַסויא וויהל, אס פעָן אַ ייד ניט סעלט פיססע טאס המן איס געהאנקע פאררע פעסינט אייך נור רעכט.

ר׳ ליפמן:

וואָס טוט מאַן דאַ מיט? זאָגט מיר נור אייער בעגעהר.

חזן:

גוטם גל טאָפער, פעהט מיר אויז אַ חסנים שטיקכע צו דערפין מאַכע, טאן פעררע סיא שאהן אַלס קעפאַהר פעררע.

ר׳ ליפמן:

(בייא זייטע) מיין קאפף שטעהט מיר צוואהר ניכט דרצו, נור אַלליין פיללייכט קאן איך עטוואס דאַדורך געוואַהר ווערדען (לויט) נון ווען איך דען כבוד האבען קען, זינגט עטוואס.

חזן:

בויליש אדער דייטש?

ר׳ ליפמן:

פוילש, טייטש, וואס איהר ווילט.

חזן:

(שטעלט זיך אויף מיטביידע הענד אַן דיא באַקקע, הוסט, זאגט) איך האָפ טיא קסירה אויף קעשריפע (זינגט)

1.

הערע סיא סוה, פאַס מיך האד באַסיהרט

עס איס אונפעהר אייניקע פאכע האד פייא מיר אַ ירושלמי לאשיהרט

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) ר׳ העגערל חזן, זיכער דער פאָטער פונעם ירושלמיס משרת. נאָר ערשט מוז איך רעכט הערן. (הויך) איך האָב נאָך נישט געהאַט דעם כבוד פון אייך צו הערן.

חזן:

וואָס זאָגט איר? ! איר זייט זיך במחילה טועה. נישט געהערט צו האָבן גאָרנישט פון ר׳ העגערל חזן, איז גלייך ווי אַ ייד זאָל נישט וויסן, אַז מען האָט המנען אויפגעהאַנגען אויף דער תלייה. פאַרטראַכט זיך נאָר גוט!

ר׳ ליפּמאַן:

וואָס טוט מע דערמיט? זאָגט מיר ליבער וואָס איר פאַרלאַנגט.

חזן:

קודם כל דבר בעט ביי מיר אייך צו דערלאַנגען אַ שטיקל חזנישע נגינה. שפּעטער וועט איר שוין אַלעס געוואויר ווערן.

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) וואָס אַן אמת שטייט מיר נישט דער קאָפּ דערצו. נאָר אפשר קען איך זיך עפּעס דערפון דערוויסן (אויף אַ קול) נו, אויב איר ווילט מיר אנטאָן דעם כבוד, זינגט עפּעס.

חזן:

פּויליש צי דייטש?

ר׳ ליפּמאַן:

פּויליש, דייטש — וואָס איר ווילט.

חזן:

(לענט זיך אונטער די באַקן מיט ביידע הענט, הוסט, זאָגט) איך האָב די גזירה אויפגעשריבן (זינגט).

.1

הערט צו וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט,
פּאַר בערך עטלעכע וואָכן האָט ביי מיר אַ ירושלמי לאָזשירט

און האט קעסאהכט ער פעהר אַ משולח אויס סאַלנעג
אַפער סייא פונים האד אויזקעסעהע פיא א רעג(?)
נור איך הארמער מאַן האפ ניכטס פעהסעס אויף איהם קעטאכט
און האַפּ איהם גל הכבוד אן קעטאהע און אויס אים אַ
קרויס פעסע קעמאַכט.

איך מוס מיך אַ פיסכע אַפרוהע, עס קרייפט מיר סוא שטאַרק אן.

ר׳ ליפמן:

ווילט איהר עטוואס טרינקען?

חזן:

אס איהר פעלד מוחל סייא (ר׳ ליפמן גיבט איהם, ער טרינקט אונד זאָגט) נון הערען סיא פאייטר סוא.

2.

ער האד פייא מיר אללעס קוהטס קענאססע
איך האַפּ איהם קעבע אַללעס פאַס איך האפ פעסאַססע
איך האב איהם טוהן מיט אללעם קוטען פערסעהע
העטטע איך אַפער ווארהעהר קעפוסט פאס נוא איס קעשעהע
אונד ער מיר קעבין פערט סויא א שלעכטי לאהן
העטטע איהם קעפיס סאלכעס קוטעס ניכט קעטאהן.

ר׳ ליפמן:

געוויס האָט ער אייך בעטראָגען, דאס קאן איך שאהן הערין.

חזן:

נור קעטולט, סיא סאללען אַללעס הערן (ער זינגט ווייטער)

3.

נון איסט אונקפעהר אייניקע פאככע
האד ער וואון מייא מוקם אויף קעפראככע
אונד איס פייא מיר געקוממע
אונד האד מיר אבשייד קענוממע
איך האב איהם אויף איין הארדענדליכע פייס
קעפונשע אַ קליקליכה רייס.

אַ פיא פין איך מרומה קעפאררע (ער וויינט)

און האָט געזאָגט, ער איז אַ משולח פון סאַלנעק,
אָבער זיין פנים האָט אויסגעזען ווי פון אַ הורג.
נאָר איך אָרעמער האָב קיין בייז פון אים נישט געטראַכט,
האָב אים כל הכבוד אָנגעטאָן און פון אים אַ גרויס ווען געמאַכט.

איך מוז אַ ביסל אָפּרוען. איך נעם מיך צו שטאַרק איבער.

ר' ליפּמאַן:

ווילט איר עפּעס טרינקען?

חזן:

אויב איר ווילט זיך מטריח זיין (ר' ליפּמאַן גיט אים, ער טרינקט און זאָגט) איצט הערט זיך ווייטער צו.

.2

ער האָט ביי מיר אַלדאָס גוטס געגעסן,
אים געגעבן אַלעס, וואָס האָב באַזעסן,
איך האָב אים געטאָן מיט אַלעם גוטן פאַרזען,
וואָלט איך אָבער פאָרויס געוווסט, וואָס וועט געשען,
אַז ער וועט מיר געבן אַזאַ שלעכטן לוין,
וואָלט איך אָן אים קיין גוטס נישט געטאָן.

ר' ליפּמאַן:

איך הער שוין, ער האָט אייך זיכער באַשווינדלט.

חזן:

נאָר געדולד. איר וועט שוין אַלעס הערן (ער זינגט ווייטער)

.3

איצט זיינען שוין עטלעכע וואָכן אַריבער,
ווי ער איז פון מיין מקום אַנטרונען, דער גיבור.
ער איז ביי מיר געקומען
און האָט פון מיר אָפּשייד גענומען.
איך האָב אים אויף אַן אָרנטלעכער וויין,
געווונטשן אַ גליקלעכע רייז.

אָ, ווי בין איך באַשווינדלט געוואָרן. (ער וויינט)

ר׳ ליפמן:

נור ווייטער.

[חזן:]

4.

אפער גוים פאַהר ער וואָרט
ווינד איך אויף איין אָרט
ליקן אַ בריהף טער אן מיך קעהערט
איך פרעך איהם אויף, און עס האד מיר מייא שמחה ווארשדעהרט
פארום טוא טרין איס קעשטאנגע, דאס מיין איינציגה דאכדר
מיט איהם איס אוועק קאנגע
פייל עס פאהר איהר און סייא פערלאנגע.

ר׳ ליפמן:

אבער ווייסט איהר דען ניט וואו זיא זיין הין גאַנגע?

חזן:

לאסע סיא מיר נור אויס סינגע (ער זינגט ווייטער)

5.

נון שטעללין סיא סיך וואהר מייא שמערטץ
פאס טער פריהף וואר א אין דרוק האד קימאכט אויף מייא הערץ
איך פין הין אונט הער קילאפפע
קלייך אַ מענש דער טאָ איס פעסאָפפע
פייל איך מייא איינציקעס קינד
אן קעפאררע פין סויא קעשווינד.

אַ פעה! מייא טיימערעל, פער פאַהס פואָ סיא איס?
(ער וויינט)

ר׳ ליפמן:

איך בעט אייך זאָגט מיר נור שאהן אייער ביגעהר.

חזן:

פאַלט! פאַלט (ווישט זיך דיא אויגען אונד זינגט ווייטער)

6.

אונד סייד טיא צייד האפ איך טעראַהם גיין רוה
פארום פאס מיר איפערגומט, טאַס גומט בווישט גיינעס סוה,

ר׳ ליפּמאַן:

נור ווייטער.

חזן:

4.

אָבער קוים איז ער געהאַט אַוועק געפאָרן,
געפין איך ערגעץ אויף אַן אָרט
ליגן אַ בריוו, צו מיר געשריבן,
וואָס האָט מיר די שמחה פאַרשטערט, באַלד דאָרט;
ווארום דרין איז געשטאַנען, אַז מיין איינציקע טאָכטער
מיט אים אַוועק איז געגאַנגען,
ווייל אַזוי איז געוועזן זיין און איר פאַרלאַנגען.

ר׳ ליפּמאַן:

און ווייסט איר נישט וווהין זיי זיינען געגאַנגען?

חזן:

לאָזט מיך נאָר אויסזינגען (זינגט ווייטער)

5.

נו, שטעלט אייך איצט פאָר מיין שמאַרץ,
וואָסאַרע איינדרוק דער בריוו האָט געמאַכט אויף מיין האַרץ,
איך בין אַהין און אַהער געלאָפן,
גלייך אַ מענטש, וואָס איז באַזאָפן;
ווייל איך מיין איינציק קינד,
אָנגעווווירן האָב אַזוי געשווינד.

אַ וויי, מיין טעמערל! ווער ווייסט וווּ זי איז... (ער וויינט)

ר׳ ליפּמאַן:

איך בעט אייך זאָגט מיר שוין איצט אייער באַגער!

חזן:

באַלד, באַלד! (ווישט זיך אויס די אויגן און זינגט ווייטער)

6.

און זינט דער צייט האָב איך אין דער היים קיין רו,
ווארום וואָס מיר איז איבערקומען, קומט געוויס קיינעם צו.

איך האָפּע מיינע אָפּנונג אויף מייא איינציק גינד קעסעצט
אפער סיא האד איהרע ווערדערליכע קהאסאמקייט ווערלעצט
און האד סיך וואון סויא א שויפּל קעלאסט ווערוויהרע
אָך טאס האפּ איך מיך ניט וואהרקעשדעלט אס טאס פירט
דוהן געפיהרע.

(זייפצט אונד זאגט) אך מייא דיימערעל.

ר׳ ליפּמן:

נור וויטר געשווינד, וואס איז נון אייער פרלאנגגען?

[חזן:] 7.

סיא האד מיך אין אללעס מייא פירטשאווט ווערריכט
טען לייטער גיין פרויא האב איך יעצט ניכט
סיא האד אללעס קעטאָהע נאך מייא פיללע
טיסעס האד א פעניג מאייא סארג געטאהע שדיללע
איך האפּ נימאלס עטפאס שלעכדס אן איהר קעשביהרט
אפער לייטער יעצט איס סיא טורך טען שופּט פארדען ווערוויהרט.

ר׳ ליפּמן:

נון נור צום שלוס, איך בין עס שאהן מידע.

[חזן:] 8.

נון וואון קרויס סער טען איך האב טורך איהר
האפּ איך מיך וואהרקענוממע סוה קיין ממנום למגום פון
דיהר סוא דיהר
וויהלייכט גאָן איך עדפאהס וואון איהר קפאהר פעררע
און וואון איהר אייניקע נאכריכד הערע
אונד טארום גום איך פייא איהנען היר אניין
וויהלייכט פיססען סיא וואו סיא יעצט דוהד סיין.

ר׳ ליפּמן:

(בייא זייטע) איך קאן עס ניכט מיר פערהעעלין, דער מאַן דוירט זיך אויסר אורנטליך (לויט) מיין פריינד! זעצט אייך אונד זייט אייך ניט אַזויא מצער, דען איהר זייט נאָך ניט אַזויא אונגליקליך וויא איהר מיינט, שרעק אייך ניט, אייער טאָכטר איז היר.

איך האָב מיין האָפנונג אויף מיין איינציק קינד געזעצט
זי האָט די פּאָטערלעכע געהאַרזאַמקייט פאַרלעצט
און האָט זיך פון אַזאַ אויסוואורף געלאָזט פאַרפירן.
אַך, כ׳האָב מיר נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט טון געבירן. 1)

(זיפצט און זאָגט) אַך, מיין טעמערל...

ר׳ ליפּמאַן:

נור ווייטער, שנעלער, וואָס איז אייער פאַרלאַנגען?!

חזן:

7.

זי האָט מיר מיין גאַנצע ווירטשאַפט פאַרריכט,
ווייל ליידער קיין פרוי האָב איך איצט נישט.
זי האָט אַלעס געטאָן לויט מיין ווילן,
דאָס האָט מיין זאָרג אַ ביסל געטאָן שטילן.
איך האָב קיינמאָל עפּעס שלעכטס ביי איר דערשפּירט,
אָבער ליידער איצט איז זי דורך דעם שופט פאַרפירט.

ר׳ ליפּמאַן:

מאַכט שוין אַ סוף, איך בין שוין דערפון מיד.

חזן:

8.

איצט פון גרויס צער, וואָס כ׳האָב צוליב איר,
האָב איך מיר פאַרגענומען צו גיין ממקום למקום און פון
טיר צו טיר,
אפשר קען איך עפּעס פון איר געוווּיר ווערן
און פון איר עפּעס אַ נאָכריכט הערן;
און דאַרום קום איך ביי אייך דאָ אַריין,
אפשר ווייסט איר וווּ זי איצט טוט זיין.

ר׳ ליפּמאַן:

(אויף אַ זייט) לענגער קען איך דאָס מער נישט פאַרהוילן. דער מאַן איז זיך גאָר שטאַרק מצער (הויך) מיין פריינד! זעצט אייך און זייט אייך נישט אַזוי מצער, ווייל איר זייט נאָך נישט אַזוי אומגליקלעך ווי איר מיינט. שרעקט אייך נישט, אייער טאָכטער איז דאָ.

1) געשען.

חזן:

(לויפט מיט פוללר פריידע אויף ר' ליפמן צו) פאַהס? מייא דיימערעל איס היר? פיא פיססען סיא טאס? אך ליפער ר' ליפמן! סיא פיססען ניכט פיא סיא מיך משמח סיין, מיך קעשלאקנע מאן, טער ניכטס מעהר אויף טיא פעלד האד אַלס טאס איינציקה שדיגכה קינד און אבשאהן סיא שלעכט אן מיר קעטאהע האד, גען איך איהר טאך ניכד ווארקעססע, ווארום מי יוטע פאס איהר טער וואלשער ירושלמי, האד אין קרעד, פארום ער איס פפדאי א וואלשער ירושלמי, גיין ארטענדליכער מאן דוהט סאלכע שורגרייא.

ר' ליפמן:

זעצט אייך נור אונד רוהט אייך אב, איהר זעלט באלד געגויא אַללעס געוואהר ווערדען, נור ערשט פרשפרעכט מיר דאס איהר מיט אייער טאָכטער ניכט ווערט צענקין, דען איך וויס אַללעס אונד זיא איזט אום שולדיג. גלויבט מיר אויף מיין וואָרט.

חזן:

איך קלויב אייך. איין גליין פערפייס מוז מייא דיימערל טאך גריקע אונד טאן איס אַללעס ווערקעססע.

ר' ליפמן:

(געהט אן דיא טיר אונד ברענגט טיימערל אַלס משרת גקלייד הריין, ער רוימט עטווס אין עס אהר)

2-טער אויף טריט

דיא פאריגע טיימערעל

חזן:

פער איס טאס?

ר' ליפמן:

ווערט איהר האלטן וואס איהר מיר פרשפראכען העט? אונד ווערט אייך ניט מרגז זיין?

חזן:

נוא. לאס איך סיא נור ערשט סעהע

חזן:

(לויפט פון לויטער שמחה אויף ר׳ ליפמאַנען צו) **וואָס? מיין טעמערל איז דאָ? ווי אַזוי ווייסט איר דאָס? אַך, ליבער ר׳ ליפמאַן! איר ווייסט גאָר נישט ווי איר זייט מיך דערמיט משמח, מיך אַ דערשלאָגענעם מאַן, וואָס האָט אויף דער וועלט נישט מער ווי דאָס איינציקע שטיקל קינד. און הגם זי האָט קעגן מיר שלעכט געהאַנדלט, קען איך זי דאָך נישט פאַרגעסן, ווארום מי יודע וואָס דער פאַלשער ירושלמי האָט איר איינגערעדט. זיכער איז ער אַ פאַלשער ירושלמי. אַן ערנסטלעכער מענטש טוט נישט אַזאַ נידערטרעכטיקייט.**

ר׳ ליפמאַן:

זעצט אייך און רוט אייך אָפּ. איר וועט באַלד אַלעס גענוי געווויר ווערן. נאָר ערשט מוזט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט זיך מיט אייער טאָכטער נישט אַרומקריגן. איך ווייס, אַז זי איז אומשולדיק. גלויבט מיר אויף מיין וואָרט.

חזן:

איך גלויב אייך, אָבער עטלעכע שטראָפרייד מוז מיין טעמערל דאָך פון מיר הערן און דאַן איז אַלעס פאַרגעסן.

ר׳ ליפמאַן:

(גייט צו דער טיר און ברענגט אַריין טעמערלען איבערגעטאָן פאַר אַ משרת. ער רוימט איר עפּעס איין אין אויער).

צווייטער אויפטריט

די פאַריקע און טעמערל

חזן:

ווער איז דאָס?

ר׳ ליפמאַן:

וועט איר האַלטן וואָרט אַזוי ווי איר האָט מיר צוגעזאָגט און זיך נישט דערצערנען?

חזן:

נו, יאָ. לאָז איך זי נור ערשט זען.

ר׳ ליפמן:

נון דען (ציהט איהר יאַס אונד הוט אויס, טיימערעל שטעהט אַלס ווייבספערסאָהן דאַ) נון ר׳ הענרלי דא איס אייער טאָכטר.

טיימעריל:

(פעלט דען פאטער אום דען האלז) עדע לעב! סייא מיר מוחל! איך פעהט טיהר סייא מיר מוחל.

חזן:

(ווענד זיך אב פון איהר) קייא ווארד וואון מיר, טוא קאַ־נאַליע!

ר׳ ליפמן:

פרגעסט איהר וואס איהר מיר העט פרשפראכען? איך שווער אייך זיא איז אום שולדיג.

טיימעריל:

עדי לעב! סייא מיר מוחל.

ר׳ ליפמן:

נוא ר׳ הענריל, זייט ניט אזויא איין קשה עורף, איך שווער אייך צו זיא איז אום שולדיג, דאס האבע איך אייך שאהן אייניגע מאהל גיזאגט.

חזן:

נוא איך פין טיהר מוחל, נור וואָלג מיך היבש פייטר און סייא מיך ניכט מעהר מסער.

טיימעריל:

טוא פערסט עס סעהע, נור פרקעס מאר טאס, פארום עס איס מייא שולד ניכט קעפעסע, פיא ר׳ ליפמן פאהל פייס.

ר׳ ליפמן:

זיא האָט מיר שאהן פרהער, עהנדיר איהר זייט גקומן אללעס אפענבאהרט אונד האט מיך גבעטין איך זאָל איהר בעהילפליך זיין אונד איהר זעהן לאס צו מאַכן פון דען שפיצבוב דען פאלשר ירושלמי וועלכר איהר פרפיהרט האט אונד יעצט איז דיא שפיצבובריא אויזקומן דאס ער קיין ירושלמי איזט זונדרן איין מאן אויז שלעזיע איז בשמו

ר׳ ליפּמאַן:

אַט אַזוי. טוט איר אויס דעם מאַנטל און הוט און טעמערל בלייבט שטיין אַ ווייבספּערזאָן) אַט ר׳ הענערל, דאָ איז אייער טאָכטער!

טעמערל:

(פאַלט דעם פאָטער אויפן האַלדז) טאַטע־לעבן! זיי מיר מוחל! איך בעט דיך, זיי מיר מוחל!

חזן:

(ווענדט זיך פון איר אָפּ) קיין וואָרט פון מיר, דו קאַנאַליע!

ר׳ ליפּמאַן:

פאַרגעסט איר, וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט? איך שווער אייך, אַז זי איז אומשולדיק.

טעמערל:

טאַטע־לעב! זיי מיר מוחל.

ר׳ ליפּמאַן:

נו ר׳ הענערל, זייט נישט אַזאַ עקשן. איך שווער אייך, זי איז אומשולדיק. איך האָב דאָס אייך שוין עטלעכע מאָל גע־זאָגט.

חזן:

נו, איך בין איר מוחל, נאָר פאָלג מיך אָבער אויף ווייטער און זיי מיך מער נישט מצער.

טעמערל:

דו ווערסט עס זען, נאָר פאַרגעס אַלעס. עס איז נישט מיין שולד געווען. ר׳ ליפּמאַן ווייסט עס.

ר׳ ליפּמאַן:

זי האָט מיר שוין פריער אַלעס אַנטפּלעקט, נאָך איידער איר זייט געקומען, און מיך געבעטן איך זאָל איר העלפן פּטור צו ווערן פון דעם שווינדלער, דעם פאַלשן ירושלמי, וואָס האָט זי פאַרפירט. איצט איז דער שווינדל אַרויסגעקומען, אַז דאָס איז נישט קיין ירושלמי, נאָר אַ מאַן פון שלעזיע בשמו געץ און אַז ער האָט אַ פרוי, וואָס געפינט זיך איצט אויך דאָ. ער

גץ אונד ער האָט נאָך איין פרויא וועלכע יעטצא היר איז דיא ער אויך בטראגן האט אונד האט אן איהר איין בריהף גלאזט שרייבן אַלס ווען ער טאהט ווער אונד דיא פרויא האט דא אויף איין אנדרן מאן גנומן. אייער טאכטר האָט מיר שאהן אַללעס ערצעהלט, אלז דאן לויבט גאט אלז איהר אייער טאכטר ב"ה ווידר העט אונד פרגעסט שאהן אללעס אויך ווען דער ירושלמי זעלט היר קומן, זא ביטטע איך אייך מיט איהם ניכט דאפון צו שפרעכין.

חזן:

פאס טאך וואר א פדריגערייא אין טער פעלד איס.

3-טער אויף טריט

דיא פאריגע, ר' יאָקש, ליפקא יענטש.

ר' יאָקש:

אד דא בין עה, אח לעבין, עס מוז אַהך שוין זייר מיאוס און מאוס פר אונז זיין, נור עה קום אהך צו זאָגין א בשורה טובה, עה האב מיין יענטשקי ב"ה שוין גפטרת, אַד דאָרטן אין מיין הארבארג זענין א פאהר באנקקוועשערס גוועז, בקיצור זייא האבין מסדר גט גוועזן כדת משה וישראל, במילא קום עה אאך צו זאגין און איצונד תאקיש האב עה יענטשקי זייר ליהב, סוף דבר הכל נשמע, איז וואהר יענטשקי?

יענטש:

לאז מעח שוין גמאכט דראב איינר (זעצט זיך)

ר' יאָקש:

(זעהט דעם חזן גיבט איהם דיא האַנד) שלום עליכם ר' קרוב! פון וואנע זייט איהר?

הזן:

איך הייס ר' העניל חאסן פון בינקרלאך, פוודאי האד איהר וואון מיר קעהערט.

האָט זי אָפּגענאַרט און איר געלאָזט שרייבן אַ בריוו, אַז ער איז געשטאָרבן און דערויף האָט זיין פרוי אַן אַנדערן מאַן גענומען. אייער טאָכטער האָט מיר שוין דאָס אַלץ דערציילט, אַזוי אַז איר דאַרפט לויבן גאָט, וואָס איר האָט ברוך השם צוריק אייער טאָכטער און פאַרגעסט אַן אַלעמען, אויך ווען דער ירושלמי וועט דאָ זיין. איך בעט אייך מיט אים דער־וועגן נישט צו ריידן.

חזן:

וואָסאַרע שווינדל איז דאָך אויף דער וועלט.

דריטער אויפטריט

די פאַריקע, ר׳ יאַקש און ליפּקע־יענטעש.

ר׳ יאָקש:

אָט דאָ בין עך. כ׳לעבן, עס מוז אייך שוין זייער מיאוס און מאוס זיין פאַר אונדז. נאָר עך קום אייך אָנזאָגן אַ בשורה טובה, אַז עך האָב ברוך השם מיין יענטעשקע שוין געפּטרט; אָט דאָרטן אין מיין האַרבאַריק זיינען געווען אַ פּאָר באַנק־קוועטשערס און זיי האָבן מסדר געווען אַ גט כדת משה וישראל, במילא קום עך עס אייך צו זאָגן. און איצט האָב עך טאַקיש יענטעשקען זייער ליב. סוף דבר הכל בשמע, אַלעס לאָזט זיך אויס צום גוטן, אמת יענטעשקע?

ליפּקע יענטעש:

לאָז מעך שוין געמאך, דראַב איינער. (זעצט זיך)

ר׳ יאָקש:

(זעט דעם חזן, גיט אים די האַנט) שלום עליכם ר׳ קרוב! פון וואַנען זייט איר?

חזן:

איך הייס ר׳ הענערל חזן פון פינגערלאַך. אוודאי האָט איר שוין פון מיר געהערט.

ר׳ יאָקש:

אחע מיר, בוודאי קאנט איר קרייאן וויא א הענריל, נוא לאסטשע עפיס הערין, אַ שיינר ונתנה תוקף, ווארום איהר מוסטשע וויסען עח בין עפיס אוכיד אַזויא אַ קצת שוואנץ, אַ שטיקלע בעל תפילה, נוא חאפט אייך אַרויף, עח ווער אאך צו האלטן אבער על תנאי זה עפיס פוילישעס, וואס אן דיא קישקיס אן חאפט.

ר׳ ליפמן:

דאָס האט נאך צייט, לאזען מיר ערשט מיט אללעם פערטיג זיין. וואו בלייבט דען דער גץ דער ירושלמי?

ר׳ יאָקש:

עח חעל אאך זאגין, עח חעל גערן מסיים בדבר טוב זיין אונד וואו איז שוין אַ בעסרי דבר טוב וויא איין אשה, ווארום מצא אשה מצא טוב 15), במילא האָב עח מיין ליבר ר׳ גץ צו גרעט אַז ער זאָל פאַק אן יענטש בהלטן, ווארום עח האב געזעהן זיא זעניןביידע א ביסלע מרוצה דרפון, איז וואהר יענטשקי? שעם דיך נישט עח חעל שדכן זיין, קיין מאן בין עח נישט פר דיר אבער אַ שדכן מעג עח דאך זיין און אַ שלומפער האב עח ב״ה אויכד, אַ פיינעם נוא זאגשע הולטייקע?

יענטש:

אד לאז ער ערשט קומען.

ר׳ יאָקש:

(רופט אן דיא טיהר) גץ קריהך שוין אַריין.

4-טער אויף טריט

דיא פאריגען, ר׳ גץ.

ר׳ גץ:

(קומט אַריין ארדינעהר גקלייד, ער זעהט דען חזן טרעט צוריק)

ר׳ יאָקש:

קומשי נור אהער, וואס האסט דוא פר אַ מורא.

ר׳ יאָקש:

אָכע מיר, קאָנט איר דאָך אודאי קרייען ווי אַ הענערל, נו לאָזטשע עפּעס הערן, אַ שיינעם ונתנה תוקף; ווארום איר מוזט וויסן, אַז עך בין עפּעס אויכעט אַזוי אַ שטיקל נאַר, אַ שטיקעלע בעל־תפלה. נו כאַפּט אייך אַרויף און עך וועל אייך צוהאַלטן אָבער בתנאי, אַז עס זאָל זיין עפּעס פּוילישס, וואָס כאַפּט אָן ביי די קישקעס.

ר׳ ליפּמאַן:

צו דעם איז נאָך צייט. לאָמיר ערשט מיט אַלעם פאַרטיק זיין. ווו בלייבט דען דער געץ, דער ירושלמי?

ר׳ יאָקש:

עך וועל אייך זאָגן. כ׳וועל מסיים זיין בדבר טוב, אַלעס דער־פירן צו אַ גוטן סוף און וואָס איז נאָך אַ בעסערער דבר טוב ווי אַן אשה? ווארום מצא אשה, מצא טוב. במילא האָב עך מיין ליבן געץ צוגערעדט, אַז ער זאָל פאַרט יענטעשן באַ־האַלטן. עך האָב אויך געזען, אַז זיי זיינען ביידע אַ ביסעלע מרוצה דערפון, איז וואָר יענטעשקע? שעם דיך נישט, עך וועל זיין שדכן. קיין מאַן פאַר דיר בין עך נישט, אָבער אַ שדכן מעג עך דאָך זיין און אַ שלומפּער ברוך השם האָב עך אויך אַ פיינעם, נו זאָג שוין הולטייקע?

ליפּקע יענטעש:

לאָז ער נאָר ערשט קומען.

ר׳ יאָקש:

(רופט אין די טיר) געץ, קריך שוין אַריין.

פערטער אויפטריט

די פאריקע און ר׳ געץ.

ר׳ געץ:

(קומט אַריין שפלדיק געקליידט, ער דערזעט דעם חזן און שרעקט צוריק)

ר׳ יאָקש:

קומזשע נאָר אַהער, וואָס האָסטו זיך דערשראָקן?

ר׳ גץ:

(געהט צום חזן נעמט איהם בייא דיא האַנד) איך בעהט אייך אַללעס אונרעכט צו פרגעססין, איך האב זעהר שלעכט אן אייער טאכטר גטאהן, דאס בקען איך זעלבסט, אבער איך בעהט אייך דא דראן צו פר געססין אונד איך זאג פר כל העולם דאס איך מהיום והלאה קיין בטריגרייא מעהר מאכען ווער אונד ווער איין גוטער מענש ווערין, עס ווארן נאך לויטר יוגענד פעהלר (צו ר׳ ליפמן) איך בעהט אייך מיר אַללעס צו פערגעבין אונד מיר בהילפליך צו זיין, דאָס איך שלום קריגען זאל מיט מיין פרויא, וועלכי איך וויל פון יעצט אן אין עהרע האלטען אונד אויך דאס איהר צווישן מיר אונד דען חזן שלום מאַכט.

ר׳ יאָקש:

עה חעל פשרן זיין און א טאפלטער שדכן (ער נעמט יענטש אונד פיהרט ער בייא ר׳ גץ) אד דא בין עה גוזר אוף דיר, גיבשע תיכף דיין האַנד אן דיין מאן ואם לאו נעם עה דעה ווידר פר אַ וויב און דוא ווייסט דאך דאס אן מיר קיין ברכה איז, במילא האסט דוא אַ במה נפשך, אדער גץ אדער יאָקש, אַז דוא ווערסט מעה אום איין עצה פראגין זאג עה דעה גזונט יאהר, דוא טוהסט בעסיר אן איהם.

יענטש:

